# ילקוט ווהלין

דער טריסקער מגיד
אפשייד - יוחנן טווערסקי
**אין פלאנטער פון דער**
**היטלער קאטאסטראפע**
חסיד אומות העולם פון לויצק
פשוטע זעלטענע יידן
**קהילות (זכרונות): טריסק,**
**טארטשין, לויצק, זאסלאוו**
יוגנט־חברים (בילדער)
בארג ארויף (דערציילונג)
**לידער: ש. צ. זעצער, י. למדן**
**וואלינער ביכער־רעצענזיעס**
אין וואלינער פארבאנד
אין ישראל און אמעריקע

30

4־טער באַנד, 30־טע זאַמלונג **ילקוט ווהלין** אלול תש״ל — סעפטעמבער 1970

ווער און וואָס אין ילקוט, 3
אין פלאָנטער פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, נתן ליבנה, 5

## ק ה י ל ו ת

טריסק: אָפשייד, יוחנן טווערסקי, 9
אַ שטעטל ביים טייכל, לייב אַליצקי, 11

**דער טריסקער מגיד:**

דו גאָט ביזט דער גערעכטער, ש״י עגנון, 13
אין יאָרצייט פון טריסקער מגיד, מ. א. פערל, 14
אַ צעבראָכענער שאַרבן, 15
ר׳ חנינא בן דוסא און טריסקער רבי, אריה, 15
תורה־ווערטער פון טריסקר מגיד, 16
לויצק: פראַנץ קאַזאַק — לויצקער חסיד אומות העולם, יעקב אלבירט, 17
אַ בריוו אין רעדאַקציע און אַ תשובה, 19
לויצקער זכרונות, יעקב בן־אמתי, 21
טאַרטשין: פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אברהם גערשענזאָן, 23
דאָס בילד פון זאַסלאַווער יידן, עמנואל פאָלאַק, 26

## זעלטענע, פשוטע יידן

תהילים־וועקער אין האַרכיוו, חיים דן, 29
מיין זיידע דערציילט וועגן פשוטע יידן, רות ברענער, 31

## ליטעראריש

אַ וואָלינער שרייבער וואָס איז כולו יידנטום, עזריאל אורי, 33
ווי אַ שאָטן (ליד), ש. צ. זעצער, 35
יוגנט חברים (בילדער), אליהו מאַנדעל, 36
באַרג אַרויף (דערציילונג), ישעיהו קיפניס, 38
וואָלינער יזכור־ביכער: זווהיל, שעייה שיכאַטאָוו, 43
רעפלעקסיע (ליד), יצחק למדן, 45

## אין וועלט־פאַרבאַנד פון וואלינער יידן

אין ישראל, ח. פינקעל, 47
יערלעכע פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק, א. גערשענזאָן, 48

**YALKUT WOLYN**

Quarterly

Edited by Nathan Livneh

Published by the World Union of Wolynian Jews in Israel

Tel-Aviv — New-York

רעדאַקטאָר: נתן ליבנה

אַרויסגעגעבן פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל

תל־אביב — ניו־יאָרק

אַדרעס פון איגוד: רח׳ ביאַליק 8 תל־אביב, טעל. 51326

איבערוויזונג פון מאַנוסקריפּט: ת.ד. 2180 רמת־גן

טעלעפאָן פון רעדאַקציע: 729824

געדרוקט אין דפוס „אחדות״, רח׳ ליבונטין 5, תל־אב־ב

# ווער און וואס אין ילקוט

רב אברהמ'עלע דער טריסקער מגיד איז געווען דער זון פון רב מאַטעלע (רב מרדכילע) טשערנאָבילער, וועלכער איז געווען דער זון פון רב נחומ'ל (רב מנחם־נחום) טשערנאָבילער, דער בעל „מאור עינים", תלמיד פון בעש"ט און שפעטער פון דעם גרויסן מעזריטשער מגיד רב דב בער.

ער האָט חתונה געהאַט מיט גיטעלען, די טאָכטער פון דעם „קאָוולער רב" רב יעקב־אריה, דער זון פון דעם „אַלטן פון ניסכיזש", מוהר"ם — מורנו ורבנו הרב רב מרדכי.

און געהאַט האָט רב אברהם דריי זין: רב מאַטעלע — וולאָדעווער רבי; רב יעקב לייבעניו (געהייסן נאָכן „קאָוולער רב")— טריסקער רבי; רב נחומ'ל, וואָס איז יונגערהייד נפטר געוואָרן.

דעם מגיד'ס חסידים האָבן צונויפגעזאַמלט זיינע תורות און זיי אַרויסגעגעבן, צוויי יאָר פאַר זיין פטירה, אין אַ ספר „מגן אברהם" (לובלין תרמ"ז).

וועגן רב נחומל טשערנאָבילער דערציילט אַ חסידיש מעשה'לע, אַז ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צום בעל־שם, האָט דער בעל־שם אַ זאָג געטאָן לרעייתו, די רביצן:

— היט זיך פאַר דעם דאָזיקן אורח, ער איז אַ גנב.

די רביצן, וואָס האָט געוווסט דעם שטייגער פון אַלע אירע אורחים, איז נשתומם געוואָרן:

— סטייטש? דער ייד איז אַ גנב? ער איז דאָך אַ קדוש וטהור!

— יאָ, יאָ, האָט דער בעל־שם־טוב געענטפערט, ער איז אַ גנב. ער וועל פון אונדז אַוועקגנבענען דעם גאַנצן גן־עדן מיט עולם הבא...

דער „אוהל" אויף זיין קבר אין טריסק איז צעשטערט געוואָרן נאָך דער מלחמה פון די אוקראַינער, ווייזט אויס פון די נאַצישע באַהעלפערס, ימשו"ז.

81 יאָר נאָך זיין פטירה (געזאַלט האָט דאָס מאַטעריאַל געבראַכט ווערן צו זיין 80־טן יאָרצייט), געבן מיר עטוואָס וועגן אים פון ש"י עגנון ז"ל און אַנדערע און אויפן „שפיץ־מעסער" פון זיינע דברי־תורה געזאַמלט פון זיין אור־אייניקל, באַוווסטער העברעישער שריפטשטעלער, יוחנן טווערסקי ז"ל.

און ווייל טריסק האָט נאָך ביז איצט ניט אַרויסגעגעבן קיין יזכור־ספר, איז ברענגען מיר אַ ביסל איבער טריסק טאַקע פון יוחנן טווערסקי, פון יידישן דיכטער לייב אַליצקי יבדל"א, פון מ. א. פערל און אַנדערע.

★

יוחנן טווערסקי, דער צאַרטער העברעישער דערציילער, איז אַרויף אין דער העברעישער ליטעראַטור אויף צוויי דרכים, וואָס פירן פון אונדזער קעגנוואַרט און נאָענטן עבר — היסטאָרישער ראָמאַן געבויט מיט פסיכאָאַנאַליטישער פאַרשטענדעניס און רייכער פאַנטאַזיע, און פילאָזאָפישע עסייען. ניט פאַרגעסנדיק אויך ביני לביני יידן פון וואָלין („די לודמירער מויד", „אין הויף"). אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז יוחנן טווערסקי איז אַ רייך קאַפּיטל פאַר זיך און מיר וועלן זיך נאָך געוויס צו אים צוריקקערן.



וואָס מיר ברענגען פון זיין שאַפונג אין דעם ילקוט איז אַ מין ליד אין פּראָזאַ, אָפּשייד („פרידה" אין העברעישן אָריגינאַל) וועגן זיין טאַטנס הויף, טריסקער רבי זצוק"ל. מיר ברענגען עס דערווייל אין יידישער איבערזעצונג און האָפן עס ברענגען אין העברעישן אָריגינאַל אין קומענדיקן העברעישן נומער פון ילקוט.

★

פשוטע, זעלטענע יידן, וואָס אַ מאַליקע וואָלינער שטעט און שטעטלעך זענען אַזוי רייך געווען מיט זיי, וועלן פון היינט אָן פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין די בלעטלעך פון אונדזערע ילקוטים, אַזוי טאַקע וועט אויך הייסן די נייע אָפּטיילונג. „דער רבונו־של־עולם האָט ליב פשוטע יידן" פלעג זאָגן דער שפּאָלער זיידע. אויב כ'בין זיך ניט טועה, איז עס פון זיינע פּאָפּולערסטע ווערטלעך.

מיר עפענען די אָפּטיילונג מיט נאָטיצן־זכרונות פון ה' חיים דן, העברעישער עסייאיסט פון קיבוץ עינת און רות ברענער, וואָס

נאָך זייענדיק אַ יינג מיידל האָט זי זיך נוהג געווען פאַרשרייבן פאַרשידענע מעשיות און פאַסירונגען פון וואָלינער יידן, דערציילט פון איר חסידישן לודמירער זיידן ע"ה, „אַן הויכער פקחות'דיקער ייד מיט קלוגע, האַרציקע אויגן". מיר האָפן, אַז פיל לייענער פון ילקוט וועלן זיין בעלנים זיך באַטייליקן אין דער אָפּטיילונג, וואָס דאַרף, לויטן פּלאַן, אויפדעקן פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן אין פאַרשידענע צייטן, פון וואָלינער יידנטום.

★

ס'איז גוט צו לייענען אַז אויך וואָלין האָט געהאַט אירע חסידי אומות העולם, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן כדי צו ראַטעווען יידן. זיי זענען געווען זייער ווייניק אין צאָל, דאָך זענען אַ זעלכע געווען. וועגן איינעם פון זיי, דעם טשעך פראַנץ קאַזאַק, דערציילט אונדז ה' יעקב אַלבירט, פרעזידיום־חבר פון אונדזער וואָלינער פעדעראַציע אין אַמעריקע. איינער פון די 31 יידן וואָס זענען ניצול געוואָרן אַ דאַנק פראַנץ קאַזאַק.

צי איז דער לוצקער חסיד אומות העולם פאַרצייכנט אַלס אַזעלכער ווו מ'דאַרף?

★

איין אַרטיקל פון יעקב בן־אמתי'ס לוצקער זכרונות (פאַרוואָס זענען ניט פאַרגעקומען קיין פּאָגראָמען אין לוצק — ילקוט 29) האָט אַרויסגערופן אַ ביסל אַ שטורם צווישן לוצקער לייענער. בפרט לייקנט אָפּ הכל־בכל ה' אברהם הירשפעלד פון דגניה ב', וואָס האָט אין יענע צייטן געלערנט אין לוצק. „ס'טייטש, ווי קאָן מען טענה'ן אַז גויים האָבן זיך דערשראָקן פאַר יידישע ייִנגלעך וואָס האָבן אַ מאָל געוואָרפן אַ שטיין". טענה'ט דאָקעגן ה' בן־אמתי, אַז לאַ־כי. אַז דווקא פון די „מאַנעווערעס" איז אויסגעוואַקסן אַ דור יידישע באַשיצער, והאראייה...

איז לייענט אַליין די ראיות פון ה' הירשבערג אין זיין בריוו אין רעדאַקציע און תשובה פון ה' בן־אמתי. סוף־סוף האַנדלט זיך וועגן השערות בלויז און דער לעצטער פּוסק אין אַזעלכע ענייִנים איז אפשר ניט קיין היסטאָריקער נאָר דער לייענער אַליין.

★

עמנואל פּאָלאַק, פון אונדזער רעדאַקציע־קאָלעגיום אין ניו־יאָרק, דערציילט כמעט אַן אויסטערלישן עפּיזאָד: אַן אַלט אָפּגעריבן בילד פון זיין געבוירנשטעטל זאַסלאַוו שטייט לעצטנס אויף זיי שרייבטיש פאַר זיינע אויגן און דאָס ברענגט אים צו פאַרשידענע געדאַנקען און זכרונות, און ער קנופּט צענויף, גאַנץ עלעגאַנט, פאַרגאַנגענהײט מיט קעגנוואַרט, מיט אַ לייכטן ווונק אויף דער צוקונפט... דאָס איז אַ מין לייכטער „פעליעטאָן", וואָס דאָס מער ערנסטע אין אים באַהאַלט זיך דווקא צווישן די שורות. אויף ווייטער, זאָגט ער צו, שרייבן אַליין ריין מאַמע־לשון.

★

די דערציילונג פון ישעיהו קיפּניס „ברג אַרויף" איז איינגענטליך אַ קאַפּיטל זכרונות צעצויגן איבער 5 יאָר בערך פון זיין לעבן. די 5 מוראַ'דיקע מלחמה־יאָרן. יעדער ווערט איז אַ שטיק אמת. יעדער עפּיזאָד — מעשה שהיה. דאָך איז אים געלונגען געבן זיינע זכרונות אַ שיינעם, ליטעראַרישן אונטערשלאַג. ממש אַ ליטעראַרישע דערציילונג.

דאָס זעלבע איז אויך צו זאָגן אויף די בילדלעך־זכרונות פון ה' אליהו מאַנדעל.

★

ש. צ. זעצער פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור; יצחק למדן פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער נייער העברעישער דיכטונג. לייען איבער ש. צ. זעצער פון זיין תלמיד, חבר און בן־עיר עזריאל אורי; זעצערס אַ ליד און אַ ליד פון למדן וועגן זיין טאַטנס הויז וואָס איז ניטאָ מער, וואָס מיר האָב פאַרזוכט איבערזעצן פאַר'ן יידיש־לייענער.

★

שוין אַריבער 25 יאָר זינט מיר האָבן אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן נאָכן נאַצישן חורבן אויף אונדזער פאָלק. וויכוחים וועגן „ווי אַזוי זען און געדענקען און אָפּהיטן" פירן זיך ביי אונדז ביז היינטיקן טאָג. צוליב דער געלונגענער אַקציע לעצטנס פון אונדזער וואָלינער פאַרבאַנד פאַראייביקן אומגעקומענע קהילות דורך קינדער שולעס, איז ביי אונדז דער וויכוח וועגן אָפּהיטן און געדענקען דאָפּלט־אַקטועל, ווייל מיר שטייען ממש פאַר „והגדת לבנך".

אין אַרטיקל אויף דער טעמאַ אין היינטיקן ילקוט ווערט געמאַכט אַ פאַרזוך אַנוואַרפן עטליכע געדאַנקען.

★

דאָס אַרטיקל איבער טאָרטשין פון ה' אברהם גערשענזאָן דאַרף מען זען אַלס המשך פון די טאָרטשינער זכרונות, געדרוקט אין ילקוט 29.

מיט דער רעצענזיע פון ה' שעיה שיכאַטאָוו איבער ספר זוויהיל עפענען מיר די רעצענזיעס־אָפּטיילונג פון וואָלינער יזכור־ביכער.

נתן ליבנה
רמת־גן (זוויהיל)

# אין פלאנטער פון דער היטלער־קאטאסטראפע

## וואס זאלן מיר זאגן אונדזערע קינדער?

אַריבער אַ פירטל יאָרהונדערט נאָך דער שוידערליכער היטלער־קאַטאַסטראָפע פירט זיך נאָך אַלץ אין אונדזער יידישער וועלט אַ שטורמישע פּאָלעמיק וועגן אופן אויפפּאַסן און פאַרשטיין, געדענקען און לערנען און פאַרזאָגן אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער דעם גרעסטן אומגליק פון יידישן פאָלק פון אַלע צייטן. און דאָס טראָץ די רייכע, פאַרצווייגטע דאָקומענטאַרישע און ליטעראַרישע ליטעראַטור, קונסט, מוזיקאַלישע שאַפונגען וואָס איז אויסגעוואָקסן ביי אונדז, אין אונדזערע און אַנדערע לשונות און וואָס קיין פאָלק קאָן, דאַכט זיך, ניט קאָנקורירן אין דעם שטח מיט אונדז.

בעת סימפּאָזיאָנען, מאַסן טרויער אַקאַדעמיעס און בפרט בעת פאָרלעזונגען פאַר סטודענטן און גימנאַזיסטן, זעען מיר זיך ניט איינמאָל אין אַ פלאָנטער פון פראַגן: וואָס און ווי אַזוי לערנען ניט צו פאַרגעסן? ווי אַזוי אויפפּאַסן, מיט לאָגיק און שכל, דעם חיהשן אויפברויז אין מענטשן, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דער לאַנגער געשיכטע פון דער מענטשהייט? און, צו דאַרף זיין אונדזער צוגאַנג מער עמאָציאָנאַל אָדער מער ראַציאָנאַל? איז ריכטיק באַשולדיקן אין אונדזער אומגליק די „גאַנצע וועלט" אָדער אפשר גאָר זיך זעלבסט, אָדער אפשר דאַרפן מיר זוכן די שולד ערגעץ אַנדערש־ווו? ס'שווימען אויף פראַגן וועגן „יודען־ראַטן" וואָס האָבן מיטגעאַרבעט, מיט די רוצחים און וועגן שונאים, פוילישע פאַרטיזאַנער למשל, און אַנדערע, וואָס וועלנדיק אָראָפּוואַרפן פון זיך גרויסע חטאים האָבן זיי אויסגעקלערט אַזעלכע שרעקלעכע בלבולים. אפילו קינדער פון גרונט־שולן פרעגן פראַגן: „צו זענען יידן געגאַנגען, ווי שאָף, צו דער שחיטה?" „צו זענען געווען אַ סך יידישע העלדן?" „און פאַרוואָס זענען זיי ניט געקומען קיין ישראל?" „און פאַרוואָס האָבן גוטע מענטשן און גוטע פעלקער זיי ניט געראַטעוועט?" א. אַז. וו.

אַ פראַגע ווי, למשל, „צו דאַרף מען זען אין נאַציזם אַן איינמאָליקן חיה'שן אויסברוך אָדער צי איז ריכטיק ציען אַ פאַראַלעל פון כאַרשידענע פריערדיקע צייטן ביזן נאַציזם און פונעם נאַציזם ביז אונדזער מצב צווישן אַנדערע פעלקער אין היינטיקן טאָג?" — רופט אַרויס, בפרט ביי יוגנט, און בפרט צווישן יוגנט אין ישראל, אַ הייסע פּאָלעמיק.

איז, בכן, באַרעכטיקט די מי וואָס מ'לייגט אַלץ אַריין, כדי אַ ביסל אויפפּלאָנטערן און קלאָר מאַכן; ווער ווייסט צי דאָס קאָן ניט האָבן קיין ווירקונג אויף אונדזער וועג און געדאַנקען־גאַנג בכלל. אויף אונדזער יוגנט. בפרט אין ישראל, ווו שול־קינדער „פאַראייביקן" חרובע קהילות און לערנען, יעדע שולע, די געשיכטע פון „איר קהילה", איר לעבן און שטאַרבן.

אין אונדזער וואָלינער פאַרבאַנד, אין ישראל, איז דער „והגדת לבנך" זייער אַקטועל. שוין צוליב דער דערמאָנטער אַקציע פון פאַראייביקן קהילות דורך שולעס, ביז איצט מיט אַ געוויסן דערפאָלג. איז ווועלן מיר אָנהויבן דערפון.

★

ווער ס'לייענט וואָס שולקינדער שרייבן וועגן שרעקליכן אומקום פון יידן נאָכדעם

וואָס זיי האָבן געלערנט און געהערט און געלייענט וועגן „זייער" קהילה און איר חורבן, ווישט געוויס ניט איינמאָל אויס אַ טרער. קינדער, ווי באַוווסט, זענען זייער פילבאר אויף מענטשלעכע ליידן און טרערן. און אויף ליידן פון קינדער בפרט. אין אַלגעמיין דרוקן זיי עס אויס אין אַ פּאַעטישער, רירנדיקער פאָרם. לויט זייערע מעגליכקייטן און שטייגער. מיט ברויזנדיקער עמאָציע, וואָס באַגרעניצט ניט איינמאָל דעם כוח־החושב. פון אַריינקלערן און דענקען. קינדער, מער פון עלטערע, נעמען זיך איבער פון יידישן וועלטשמערץ און זייער שרייבן און פאָרלייענען מיט טרערן, זייער באַוויינען די קדושים, ווירקט אויך אויף אונדז, עלטערע. זייער אויפטרעטן, למשל, אויף אַ יזכור־אָוונט מיט כאָרלעזונגען פון אומקום־ליטעראַטור וויקלט אונדז אַיין אין אַ הילע פון טרויער און רחמנות אויף זיך אַליין.

אָבער דאָס ברענגט אונדז ניט דערצו מיר זאָלן אויפנעמען דעם ענין אויך אַ ביסל אַנאַליטיש.

געוויס. ס׳זענען דאָ קינדער וואָס פרעגן אויך אַזעלכע פראַגן: „פאַרוואָס איז מען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה און זיך ניט קעגנגעשטעלט?" „פאַרוואָס זענען זיי ניט געקומען אַהער (קיין ישראל) באַצייטנס?" אין „פאַרוואָס זענען געווען אַזעלכע וואָס זענען אַנטלאָפן אין וועלדער און יאָ געקעמפט מיטן פיינט?" קינדער, אין אַלגעמיין, ווייסן נאָך ניט דעם „ליטעראַרישן סוד" אַז כּראַגן דאַרף מען בלויז פרעגן. קינדער ענטפערן דווקא יאָ אויף זייערע אייגענע פראַגן. זיי ווייסן אַז יידן אין די געטאָס האָבן ניט געהאַט קיין כוח זיך קעגנשטעלן; אַז ניט יעדער איינער האָט געקאָנט אַנטלויפן אין וואַלד און ווערן אַ גיבור.

ס׳זענען דאָ קינדער וואָס קלערן דווקא שטאַרק אַריין אינעם ענין און פרעגן מער אוניווערסאַלערע פראַגן: „פאַרוואָס האָבן די־טשן בכלל געמאָרדעט אומשולדיקע יידן, וואָס פלוצים?" און „ווי אַזוי איז געשען, אַז מענטשן פון אַ קולטורעל פאָלק זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדע חיות?" און בכלל „פאַרוואָס איז די מענטשהייט אַזאַ, אַז זי דערלויבט ס׳זאָל אַזוינס געשען, אַז ס׳זאָל קומען דערצו?" און זיי דרינגען פון דעם אַז די מענטשהייט אין דער גאַנצער וועלט איז פאַרדאָרבן, ווי אין חומש שטייט וועגן דור המבול און מ׳דאַרף זיי פשוט איבערמאַכן... (ווי אַזוי?) און אפילו ווען קינדער דרוקן זיך אויס ניט אַזוי שעניי, איז צו לייענען אַזעלכע תשובות און געדאַנקען צווישן זייערע שורות.

פראַגן וואָס ס׳כדאי זיך פאַרקלערן וועגן זיי. דער עקוואַווילענט „פאַרוואָס האָט מען געהרגעט — פאַרוואָס האָט מען זיך געלאָזט הרגענען", דאַרף אפשר דינען, אין זיין לעזונג (אויב מעגליך), מיט דער הילף פון היסטאָריקער, דענקער, פילאָזאָפן (וואָס וועלן נאָך קומען אָדער זענען שוין דאָ צווישן אונדז) איינע פון די וועגן וואָס פירן צו אַ וועלכן־ס׳איז ווענדפונקט פון אויפפאַסן און פאַרשטיין באַגריפן.

✶

עס איז אָנגענומען צו זאָגן, און ס׳זאָגן עס על־פי־רוב מענטשן געראַטעוועטע פון גיהנום, אַז די וואָס האָבן אַליין ניט אַדורכגמאַכט דעם שוידער אויף זייער אייגענער הויט, קאָן עס בשום אופן ניט פאַרשטיין. און דאַרפן דעריבער אויך ניט רעדן אָדער שרייבן וועגן דעם. אַודאי־און־אַודאי ניט קריטיקירן. אויב דאָס איז ניט אינגאַנצן באַרעכטיקט, אַ ביסל באַרעכטיקט איז עס יאָ. ס׳ניטאָ נאָך אַזאַ חכם ווי אַ בעל־נסיון. אַ מאמר פון חז״ל לערנט דיך ניט משפטן דיין חבר כל־זמן דו ביסט ניט אין זיינע אומשטענדן („אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו") — און דאָס וואָס ס׳געשען איז באמת שווער צו פאַרשטיין.

ס׳זענען דאָ פאַרשידענע געשעענישן און מצבים אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַז כדי זיי צו פאַרשטיין איז נויטיק שאַפן און לעבן אין ענלעכע באַדינגונגען. ניט שטענדיק איז דאָס פאַרשטייט זיך אויספירבאַר, ווייל, הגם „געשיכטע חזר׳ט זיך איבער"

זענען דאָך מצבים קיינמאָל ניט ענליך איינער צום צווייטן. מעגליך אַז אונדזער איצטיקע לאַגע אין ישראל, אונדזער לאַנגיאָריקע מלחמה מיט די אַרומיקע אַראַבישע שכנים; זייער בלינד שטרעבן אונדז פאַרטיליקן, אַריינוואַרפן אונדז אין ים פאַר יעדן פּרייז, אפילו פאַרן פּרייז פון בונד מיטן שטן אַליין (דער איסלאַם און אַנטי־רעליגיעזער קאָמוניזם זענען גוואַלדיקע קעגנזאַצן); זייער דראָען אונדז אָן אויפהער מיט טאָטאַלער פאַרניכטונג, מיט אַ נייעם מיידאַנעק־אושוויץ־בערגן בעלזן — דעמאָנסטרירט פאַר אונדז באַשיינפּערליך די מוראדיקע היטלער־קאַטאַסטראָפע. גיט אונדז צו פאַרזוכן איר טעם. קיין וויסנשאַפטליכע פאָרשונג און היסטאָרישע דאָקומענטן קאָנען אונדז ניט אַזוי לערנען און איבערציייגן ווי דאָס אָפּשפּיגלען זיך פון איין בלוטיקן מבול אין די וואָלקנס וואָס דראָען אויף אונדז מיט אַ צווייטן, ענליכן מבול — וואָס שוועבן אויף אונדזער קאָפּ.

אויך דאָס העלפט אונדז צו פאַרשטיין מער דעם פּראָבלעם; העלפט אונדז שפּירן און זען די שרעקליכע פאַרגאַנגענהייט אין שפּיגל פון קעגנוואַרט און צוקונפט און אַזוי אַרום מער לערנען און באַגרייפן סיי אונדזער נעכטן, סיי אונדזער היינט.

✶

אין דער ליכט וועלן מיר אפשר אַנדערש זען אויך די כמעט אָנגענומענע מיינונג צווישן פאָרשער פון נאַציזם און די תקופה, צווישן זיי אויך יידישע פאָרשער, אַז דאָס איז געווען אַן איינמאָליקע בלוטדורשטיקע דערשיינונג פון חיה־בצורת־אדם צווישן דייטשן און אַנדערע. מיר אין ישראל היינט־צו־טאָג, שפּירן בחוש, אַז די זאַך איז ניט אַזוי. אז די טעזע איז געבויט מער כדי מאַסקירן ווי דעמאַסקירן; אַז דער חיהשער אויסברוך האָט טיפע וואָרצלען אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט אין דער פאָרם פון אימאַנענטער, בלינדער שנאה צום יידישן „ציגיינער פאָלק" אַ שנאה וואָס האַלט אָן ביז היינט און טליט אויף אַלע מאָל אין אַן אַנדער עק וועלט. סיבות פעלן שוין ניט. אונדזער נסיון אין בליטבעדער אויף אונדז איז צו רייך כדי מיר זאָלן גלויבן און אָננעמען די אויבנדערמאָנטע אַקסיאָמע. די פּראַגע פון שלום און מלחמה אין אונדזער וועלט־טייל, אינטערעסירט היינט דער גאַנצער וועלט און ווער ס'פאַרטיפט זיך אין דער שטעלונג פון ישראל פאַרטיפט זיך במילא אויך אין דער יידישער געשיכטע ביז היינטיקע צייטן — און דער קלאָרער ענטפער שטייט אים ממש פאַר די אויגן.

מיר דאכט זיך, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אויף דער וועלט, די הויפּט־סיבה פון אַלע אונדזערע צרות, וועט אָנהויבן זיך לעשן נאָר ווען מיר וועלן ווערן אַ פאָלק־מיט־פעלקער־גלייך, וואָס די דאַמאָקלעס־שווערד הענגט ניט שטענדיק אויף אַ האָר איבער זייער קאָפּ. אָבער קודם־כל האָבן מיר אַליין עפּעס געלערנט דערפון און דאַרפן נאָך אַלץ לערנען.

איין לאַנגע קייט פון סיבות שלענגלט זיך לענג־אויס אונדזער גאַנצער געשיכטע און געשיכטע פון פעלקער צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט און לעבן ביז היינט. ווער ס'זעט ניט אָדער וויל ניט זען אָט דאָס קייטלען זיך פון סיבות, איז זיך פשוט נוהג ווי אַ סטרויס.

✶

אינעם אופן פון פאַראייביקן קהילות דורך שול־קינדער; אינעם אופן פון אָפריכטן טרויער־אָוונטן; אינעם פּאַטאָס מיט וועלכן מיר רעדן און שרייבן, זעען אַ סך אַ צוגאַנג וואָס איז אין קעגנזאַץ צו אַן אַנאַליטישן צוגאַנג, וואָס נאָר ער פירט, לויט זייער מיינונג, אויפן ברייטן שליאַך פון פאָרשונג. אַלס באַווייז ווייזן זיי אָן צווישן אַנדערע אויך די העכערע קלאַסן אין מיטלשולן און אויך אויפן פאַקט וואָס די מערהייט שילער אין סטודענטן (אין ישראל) זענען מערסטנטייל צוריקגעהאַלטן, אָדער גאָר אָפּגעהאַלטן בעת פאַרלעזונגען אָדער לערנען די היטלער־קאַטאַסטראָפע.

איך זע ניט, למען האמת, קיין גרויסע סתירה צווישן די צוויי צוגאַנגען; ס'ניט שווער צו געפינען אַ סינטעזע צווישן זיי. איך מיין אַז זיי דערגענצן אַפילו, אין אַ געוויסער מאָס, איינער דעם צווייטן, בפרט אויב מיר ווילן, וואָס ס'דאַרף זיין אויסער יעדן

ספק, אָפּהיטן דעם „יש" וואָס איז געווען און ניטאָ מער. דעם אופן לעבן און דענקען און אַלע גייסטיקע אוצרות פון אַ גייסטרייכן גרויסן טייל פון פאָלק אין משך פון דורות. ס'איז אָנבעלאַנגט בלויז אין אַלטער און ניוואָ פון די שילער און פון ריכטיקן פּעדאַגאָגישן צוגאַנג. פונעם לייכטן צום שווערן. טיפע געפילן און פאַרשטענדעניס אין דעם פאַל זענען געגליכן צו אַ טראַקטאָר וואָס צעאַקערט דאָס פעלד און גרייט צו דעם באָדן כדי אויפנעמען די קערנדלעך — אַנאַליטישער צוגאַנג און געדאַנקען. ווייל אויך דער צווייטער צוגאַנג פאָדערט, קודם־כל, אויסער מענטשן־פאַרשטענדניס, אַ סך אהבת־ישראל.

אַנאַליטישער צוגאַנג באַשטייט פון אַ רייע כללים: סיבות און אַנטוויקלונג פון געשעעניש; אומשטענדן און מעגליכקייטן; מענטשן — אומשולדיקע קרבנות. מענטשן — וואָס מורא און פחד און די אייגנשאַפט פון אַראָפּבויגן דעם קאָפּ איז אפשר איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה פון פאָטערס צו קינדער, אָדער דער רעזולטאַט פון תנאים און סביבה; מענטשן רוצחים — אויך זיי, אפשר פון דור־דורות. העלדישע קעמפער אַלס יוצא־מן־הכלל אין דער מחנה פון די געיאָגטע; הומאַניסטן, גרויסע און געוויינליכע — אין דער צווייטער מחנה. אויך ווען מיר באַרירן די פראַגע פון „יודען־ראַטן" אָדער יחידים וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אָדער כביכול מיטגעאַרבעט מיטן שונא, אָדער ס'כמעט שטענדיק אַ בילבול פון אַנטיסעמיטישע פוילישע און אַנדערע פאַרטיזאַנען, כדי זיך ריינוואַשן — אויך דאָ שטייען פאַר אונדז צוויי מחנות, וואָס אַ גרינדליכע פאָרשונג פון זיי באַדייטעט אויך אַן אַלגעמיינער שריט פאָראויס אין פאָרשונג פון דער מענטשן פּסיכאָלאָגיע, וואָס נאָך ניט אַלץ איז קלאָר דאָרטן, כידוע.

דער היסטאָרישער אמת האָט אפשר זיינע געזעצן פון אַרויפשווימען פון־אויבן אפילו אין אַ סך יאָרן אַרום. דאַר מוז מען אים פאָרשן און היטן פון פאַרשידענע „תוספות" צו וועלכן ס'איז צד.

פונעם עצם היטלער־קאַטאַסטראָפע גייט אויך אויף דער שרעק פון פאַשיסטישע טאָטאַלע אָרדנונגען און מענטשן־און־כוח־פאַרגעטערונג. אויב די מענטשהייט וועט סוף־סוף אויך דערפון ניט לערנען, וועלן אירע אויסזיכטן אויף אַ בעסערער צוקונפט זיין זייער טרויעריקע און טראַגישע.

✶

ביים ענדע שרייבן דאָס אַרטיקל, וואָס מ'דאַרף זען בלויז אַלס אָנווורף פון טעזיסן וואָס דאַרפן, ווי געזאָגט, נאָך אַ סך געפאָרשט ווערן, לייען איך אין מיין טאָג־צייטונג אַ קורצע ידיעה וועגן אַ סימפּאָזיאָן „ווי אַזוי געדענקען די היטלער־קאַטאַסטראָפע" איינגעאָרדנט פון וועלט־בונד פון בערגן־בעלזן־געראַטעוועטע אין הרצליה, ישראל. פּראָפ. אַלפרעד קייזין, ליטעראַטור־קריטיקער פון ניו־יאָרק, באַטאָנט צווישן אַנדערע דעם פאַקט, אַז די צווייטע וועלט־מלחמה און יידישער חורבן האָבן ניט געבוירן קיין געהעריקע ליטעראַטור און גרויסע שריפטשטעלער ווי צב"ש די ערשטע וועלט־מלחמה, און נאָר יידן האָבן פאַראייביקט דאָס געשפענסט און געשאַפן אַ פאַרצווייגטע ליטעראַטור דעריבער.

און ווירקליך. דאָס „פאַרשוויגן", וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער, איז דער צווייטער, גרויסער טעות פון שאַפערישע כוחות און אינטעליגענץ פון אַלע פעלקער, בדומה דאָס ערשטע פאַרשווייגן אין זיין צייט, דעם עצם פאַרגאַזן פון מיליאָנען אומשולדיקע. אפשר, דאָס דערלאַנגען אמתע הילף מדינת ישראל פון טאָטאַלן אומקום, וואָס דראָט איר, קאָן דינען אַלס איינציקע ריין־וואַשן־זיך־מיטל.

אָבער דערוויל ווילט זיך ציען די וויטערע קאָנסעקווענץ סיי אין פיזישן סיי אין גייסטיקן זין פון „אם אין אני לי — מי לי".

איז אָבער דאָס יידישע פאָלק אַ גרויסער מאמין פון ביאת המשיח, ווי ס'האָבן עס אויסגעזונגען אויך אונדזערע קדושים פאַר זייער טויט, און הייסע חסידים פון אויסגעטרוימטן, אייביקן שלום פון אחרית הימים, וואָס רופט צו זיי אַראָפּ פון די בלעטלעך פון תנ"ך — און דאָס שטייט אונדז פאַר די אויגן און לערנט אונדז, נאָך אַלעמען, גלויבן אין אַ בעסערער מענטשהייט און אין אַ בעסערער וועלט.

# קהילות

# טריסק

יוחנן טווערסקי

## אפשייד

## אין טאטנס הויף

אַ ווערטל פון רבי נחמן בראַסלאַווער: „אַלע זאָגן אַז ס׳דאָ עולם הזה און עולם הבא... מעגליך אַז עולם הזה איז ניטאָ בכלל״.

אין אונדזער דור, אין דור פון אומקום און שיכחה, דהיינו: פון פאַרפרעמדקייט צום זעלבסטאייגנשאַפט, מאַכט זיך אַז ס׳דאַכט זיך מיר — אַז טריסק איז ניט מער ווי אַ חלום. ניין, מיט מיין גאַנץ דערווייטערן זיך פונעם שטעטל, לעבט עס טיף אינעווייניק אין מיר. און אין די הערצער פון צענדליקער טויזנטער.

✶

דער עלטער־זיידע, דער טריסקער מגיד — אַן האַריקער שטריימל, געדיכטע ברעמען, אַ בולטע, הערשערישע נאַז, אַ קלין פון אַ באָרד — ניט מיט זיין פריוואַטן נאָמען האָט ער אויפגעבליצט פאַר אַ סך, נאָר, ווי דער שטייגער אין יענע צייטן, מיטן נאָמען פון זיין ספר „מגן אברהם״. אין איינע פון זיינע תורות־זאָגן האָט ער אַזוי געזאָגט: „שבת איז אין סוד פון אמת און שלום. אפילו אַן עם־הארץ האָט מורא ליגן זאָגן אום שבת... און ווייל, ווען אַ מענטש וועט מקדש זיין זיך אַליין... וועט גאָט פון אברהם זיין אים בייהילפיק, ווי ס׳איז אָנגעדייטעט אין ‚אמת׳ — ראשי תיבות: **ת**תברך **מ**ברכת **א**ברהם״ (זאָלסט געבענטשט ווערן פון אברהמ׳ס ברכה).

✶

טריסק, וועלכע דערמאָנט זיך מיר איצט, איז געבליבן ווי אַ נשמה אָן אַ גוף. קולות פון ווערטלען זיך. איבערווערטלען זיך פון שינאה, ליצנות און קינאה. אָבער די קולות האָבן איצט ניט קיין ווידער־קול אין האַרצן. איצט זע איך: בייטשן שטערן אין טייך טוריאַ. פון דער אָזיערעביים סוף תחום פון „הויף״ דערטראָגט זיך אַ פייכטער ריח פון לעפעכע. און אַמאָל דערציילן זשאַבעס דאָרט אונטן וואָס ס׳טוט זיך פון אויבן. אין גרויסן בית־מדרש איז שטאַרק ליכטיק און חסידים פון אַלע עקן וואָלין און פוילן. כ׳הער תורות געבויט אויף חריפות׳דיקע גימטריאות, אויף ראשי־תיבות און סופ׳ן תיבות:

— בראשי״ת בר״א אלקי״ם, סופן פון די תיבות: א מ ת.

— **אין סוף איז בגימטריא אדון עולם.**

כ׳הער ניגונים פון שמחה. ניגונים פון דביקות. **שבת** און **יומטוב** זענען אַ נצחון אויף די כוחות פון רוגזה אויף דער וועלט. זיי זענען דאָס צענעמען די צייט, ס׳הייסט די גרעניצן. דאָס אָוועקנעמען אַלע דאגות.

פונקט ווי טשערנאָבל האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאָטער צו אַ גרויסער דינאַסטיע,

אין אויך טריסק געוואָרן אַ מוטער צו עטליכע נייע הויפן: קאָוועל, לובלין, זשוריק, וואַרשע. כ׳געדענק די שלוש־סעודות אין טאַטנס „הויף״. זיין זאָגן גאַנץ „תחנון״ יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק איבערגייענדיק פאַר דער תיבה. כ׳זע אים טאַנצן מיט אַ ספר־תורה אין זיינע אָרעמס בעת די הקפות, און די חסידים פּלעסקען מיט די הענט — ניט מיט די שפּיצן פינגער, אויף יוצא זיין. ס׳איז דאָ אַן אָנשטעקן זיך פון געפילן, פון דביקות. זיי זינגען און קוקן זיך איין אין אים, ווי ער טאַנצט לכבוד דער תורה מיט אַ צעבראָכן הארץ און אַ פריילעכקייט אויף דער נשמה. אַלע, אַלע פאַרמאָגן אין זיך איצט אַ פאַרשטאַרקונג פון יסוד פון פייער וואָס אין דער נשמה.

טויכער ווערן אַ מאָל פאַרשיכורט פון ים־טיפענישן. אין טריסק און אין אירע אָנגעשלאָסענע הויפן איז מען געווען שיכור פון טיפענישן, און אפשר שיכור פון אַ הויכעניש וואָס איז פאַרבאָרגן פון זיי אַליין.

✶

מיט אַ צייט צוריק האָב איך געזען איינע פון די לעצטע בילדער פון פעטער פון זשוריק, ווי ער גייט צו „תשליך״. זיין שטריימל איז געווען פאַררוקט אויף אַרויף און ס׳האָט זיך אַרויסגעזען זיין גרויסער שטערן. זיין מאַנטל איז געווען אויפגעשפּיליעט און ס׳האָט אַרויסגעקוקט זיין קיטל אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ווייסן גאַרטל. זיין באָרד האָט געגרויט. אוי האָט ער זיך געענדערט, זינט כ׳האָב אים געזען אין מיין קינדהייט! נעבן אים שפּרייזט אַן הויכער יינגערמאַן, אַ בלאַסער. ער האַלט צו מיט זיינעביידע הענט זיין אויפגעשטעלטן קראַגן (קאַלט, ווייזט אויס) און זינגט. אַן איילעניש און לויפעניש פון קינדער. אוי, יענע נאַיווע וואַרימע משה׳לעך־שלמה׳לעך וואָס זענען ניטאָ מער! אַ סך פון זיי שטייען צו צום ניגון און פלעסקען מיט די הענטלעך, ווייל וואָס איז אַ ניגון אויב ניט האַרציקע התפעלות? דאָס גאַנצע שטעטל גייט נאָך נאָכן פעטער.

און נאָך איין בילד איז פאַרבליבן פון זשוריק, די לעצטע שבלעצטע: אַ גרויסער הויף, פול מיט שטיינער. יידן שטייען מיט די פּנימער צום מויער און זייערע הענט זענען פאַרריסן אַרויף. דאַכט זיך, זיי טוען תפילה טון. די לעצטע תפילה. צו דען וועט ניט געשען קיין נס? אַ טונקעלע, לעבעדיקע מאַסע פון אַלט און יונג, מענער, קינדער, פרויען... ניין. דער נס איז ניט געשען. ס׳האָט זיך דערטראָגן דער גורלדיקער באַפעל:

— פ ו י ע ר!

✶

און דער טאַטע... וואָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער? לעצטע ווערטער זענען אָפּטמאָל דער תמצית פון נשמה און כמו אַ צוואה. איז געווען אַ געלע לאַטע אויף זיינע קליידער, צו איז ער געווען איינגעהילט אין אַ טלית? און ווו האָט ער צוגעמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק? מ׳דערציילט, ווען ער האָט געהערט אַז טריסק איז חרב געוואָרן — ס׳זענען דאָרט כמעט ניט פאַרבליבן קיין יידן, ניט קיין המשך, ניט קיין מצוה און ניט קיין רעשטל פון אַ מצוה — האָט ער באַשלאָסן פאַרלאָזן וואַרשע און זיך צוריקקערן אין זיין געבוירנשטעטל און איז דאָרט אומגעקומען מיט די לעצטע שבלעצטע.

כ׳ווייס ניט אויף וויפיל ס׳דאָ דערין אמת. אָבער איינס ווייס איך: אַלע זיינע יאָרן האָט ער אָפּגעהיט די ליכט, אָפּגעהיט מיט גלי און מיט מסירות — און אפשר איז׳ס געווען איינע פון די סיבות פונעם ריס אין זיין פאַמיליע, ווייל ס׳האָבן אויפגעוואַכט אין איר שטרעבונגען צו אנדערע האָריזאָנטן, צו אנדערע ווערטן.

— טאַטע, טאַטע! מצבות — פרויען וויינען איבער זיי, און ס׳זענען דאָ פרויען וואָס קושן זיי, ווי זיי וואָלטן געווען שטיינער פון אַ מזבח. צי האָסטו זוכה געווען צו אַ מצבה? צי האָט עמיצער אַראָפּגעלאָזט אַ טרער אויף דיין קבר?

ייִדיש, פון כתב־יד: **נ. ליבנה**

# א שטעטל ביים טייכל

לייב אליצקי
גבעתיים (טריסק)

אין געאָגראַפישן שטח האָט טריסק פאַרנומען נישט קיין שפּאָר אָרט: אַ קליין שטעטל.

ס׳איז געלעגן האַלב אויף אַ הויכקייט און אַ העלפט אין אַ פלאַך, איבער וועלכער עס פליסט, ערטערווייז פאַרבאָרגן צווישן לעפּעכעס און טשערעטן, די טוריע — אַ שמאָל, רויק טייכל.

פרילינג און זומער דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער באָדן דאָ אַרום, אַ וואַסעריקער און שיטערער, פון וועלכן ס׳הייבן זיך אָפּט אַרויס, פּרימאָרגנס און פאַר נאַכט, געדיכטע, טריבווייסלעכע נעפּלען, איז אָנגעווימלט מיט זשאַבעס. זייער שלעפּעריק ברומען ביי טאָג און דאָס וואַכיקע, מונטערע איבעררופנדיקע קוואַקען אין די אָוונטן מאַכט פול דעם חלל פון דער וועלט אַרום שטעטל, אַזש ביזן הימל אַריין. דערפאַר שפּאַצירן זיך דאָ אַרום אויף די הויכע דאַרע פיס, אַזוי מיושבדיק־רויק און נישט־געדאגהט, זייערע פאַרטיליקער, די באָטשאַנעס: זיי זענען, נישקשה, באַזאָרגט מיט מזונות, זשאַבע־פלייש, אויף דור־דורות. און דערפאַר גרעגערן זיי אַזוי פריילעך אויף די זשאַבעס מפּלה איבער די רונדע נעסטן אויף די שטרוי־דעכער פון שייערן:

— קליינוואַרג, באָטשאַנדלעך!

אָפּט שניידט דאָ דורך די לופט אַ קוויטשגעשריי פון ווילדע קאַטשקעס, וואָס הייבן זיך אַרויף פון צווישן דעם ווילד־פאַרוואַקסעניש אויף די ברעגן פון טייך. און יעדן זומערדיקן אָוונט ביז באַגינען אַריין לאָזט ערגעץ פון אַ קוסט הערן זיין מעלאָדיש געזאַנג דער סאָלאָוויי.

אויף איין אָרט אין מיטן די זומפּן האָרבעט זיך אַרויס אַ וויספּע, וועלכע מע רופט נאָך ביזן היינטיקן טאָג „דער זאַמעק״. דאָ איז אַ מאָל געשטאַנען, אומדערגרייכבאַר פאַר אַן איבערפאַלנדיקן שונא, דעם פּריצס שלאָס. א שמאָל וועגל בלויז, אויסבאַהאַלטן צווישן גראָזן, לעפּעכעס און טשערעטן, האָט די וויספּע פאַראייניקט מיטן פעסטן באָדן; דער טייך האָט עס ווי מיט אַ וואַסער־האַנט צעטיילט אויף צוויי, און פאַראייניקט איז עס געווען דורך אַ בריק מיט שליוזן, וואָס בעת אַ נויטפאַל, מלחמה־צייט, האָט מען מיט זייער הילף געקאָנט פאַרהאַלטן דעם וואַסערשטראָם: דאָס וואַסער האָט דעמלט אַ שפּאַר געטאָן איבער די ברעגן, און דאָס וועגל האָט זיך פאַרכלינעט, איז דערטרונקען געוואָרן, קיין זכר פון זיך נישט צו לאָזן. צום „זאַמעק״ האָט דעמלט געקאָנט צוקומען סיידן אַ פויגל.

ווען און ווי אַזוי דער ריטער־שלאָס איז חרוב געוואָרן, האָבן אַפילו זקנים נישט געוווּסט צו דערציילן. לאַנגע יאָרן האָבן פון זיין באָדן אַרויסגעשטעקט טיילן פון זיין דיקן און פעסטן פונדאַמענט, און מ׳האָט געשמועסט, אַז מע קאָן זיך נאָך אַריינבאַקומען אין זיינע פינצטערע נאַסע קעלערן. נאָר וואָסערער בר־דעת וועט עס טאָן און איינשטעלן דערביי דאָס לעבן? דאָרט וווינען דאָך שדים, לצים און רוחות! סיידן מענטשן מיט בלוטיקע, פינצטערע נשמות וועלן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, אָדער באַהאַלטן זיך טאַקע אויס — מכשפות און גזלנים. פאַרנאַכט־צו איז שוין דערפאַר אַ שרעק דאָרט פאַרבייצוגיין, אַפילו פאַרביי־צופאָרן. נאָך ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָס אָרט געשפּייזט דאָס שטעטל מיט איבערגלויבערישע גרויליקע מעשיות. אַ ווייבל, וואָס האָט זיך אַ מאָל געוואָלט פאַרשפּאָרן די טרחה צו גיין ווייט, און זיך אָפּגעשטעלט דאָ, ביים „זאַמעק״־טייכל, פּראַטשן איר גרעט, איז פּלוצעם פאַרציטערט געוואָרן: אַזעלכע דורכזיכטיקע, טונקעלע געשטאַלטן, ווי משונהדיקע אומגעהייערע פייגל, האָבן אַרומגעפלאַטערט איבער די וואַסערן און זומפּן. האָט זי שוין פאַרזאָגט אין צענטן צו גיין אַהין נאָך

אַ מאָל! ביי איינער אַ ווייבל האָט זיך דער ליילעך, וואָס זי האָט איבערגעשווענקט, אויפ־געצויגן איבערן וואַסער, זיך אַנגעהויבן קאַר־טשען און באַקומען אַ האַלב־מענטשלעך, האַלב־פייגלש געשטאַלט און פּלוצעם זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפלויגן... זי איז, אַן אַ געשריי אפילו, געפאַלן חלשות. נסים, זי איז ניט אַליין געווען. אַראָפּ־שטראָם, ניט ווייט, האָט געשווענקט איר ווערש אַ צווייטע פרוי, אַ קריסטין, און ווען דער שטראָם האָט איר צוגעבראַכט דעם ווייבלס ליילעך, האָט זי זיך געכאַפּט, צוגעלאָפן און זי אָפּגעמינטערט. מ׳האָט אפילו דערציילט פון פאַלן, ווען יונגע ווייבלעך, ערשט נאָך דער חתונה, האָבן נאָך אַזאַ געוועש ביים „זאַמעק" מפּיל געווען די ערשטלינגען, רחמנא־ליצלן. פרעגט, וואָס זע־נען זיי גאָר אַהין געגאַנגען? דאַכט זיך, מע ווייסט דאָך שוין מיט וואָס דאָס שמעקט!

אַרום דעם „זאַמעק" איז די טוריע צעטיילט געוואָרן אויף דריי וואַסער־אַרבלען, וועלכע זענען זיך שפּעטער צוזאַמענגעקומען, בילדנ־דיק דאָס געשטאַלט פון אַ ריזיקן „שין".

פון דאַנען שלענגלט זי זיך אַוועק פאַרביי דעם פריצישן הויף, דורכגנבענענדיק זיך אונ־טער דער הילצערנער באַנבריק, דורכשניידנדיק באַזוניקטע, מיט „צאַצקעס" באַשפּרענקלטע לאַנקעס, הויך־און־געדיכט־באַוואַקסענע תבו־אה־פעלדער, פאַרשווינדנדיק דאָ און דאָרט אין שאָטנדיקן וואַלד און ווידער זיך באַווייזנדיק שטיפעריש און צעלאַכט אויפן „זאַמד" הינטער קאָוולע. דאָרט שפּאַצירט זי זיך דורך באַשיידן דעם נידעריקן טייל פון שטאָט און לאָזט זיך אַוועק אַן רויש ווייטער, כדי אַנצוקומען ערגעץ אין פּריפּעט אַריין שוין אין אַ צווייטן קאַנט, אין פּאַלעסיע.

אַ מאָל, פלעגן דערציילן אַלטע לייט, וואָס זענען וואָס־אַ־יאָר אַלץ ווייניקער געוואָרן, איז די טוריע אַ היפּשער טייך געווען. אָפּט פלעגט מען אין איר פאַרוואַרפן נעצן און אַרויסציען זיי שווערע, באַלאָדענע מיט אַ זיך־וואָרפנדיקע און צאַפּלענדיקע פיש־געדיכטע־ניש. ווען מע האָט זיי אויסגעליידיקט אויפן ברעג, פלעגט עס אַזש בליצן קעגן דער זון.

אַרום פאַר פּסח־צייט פלעגט זיך גאָר ברייט צעגיסן די טוריע און טייל מאָל שרעקן דעם נידעריקן ראַנד פון שטעטל מיט פאַרפלייצונג. מיט שיפלעך פלעגט מען דעמלט צופאָרן צום „הויפישן" בית־מדרש, וועלכער איז געשטאַנען אויף פּאַליעס ביים ברעג טייך קעגנאיבער דער חורבה פונעם „זאַמעק", און צו די אָרעמע הייזלעך ביים „קאָקליערס טייך", ווו עס פלעגן זיך אַ גאַנצן זומער באָדן די „נשים". און דעם צווייטן טאָג ראש־השנה פלעגט גיין אַהין דאָס גאַנצע שטעטל צו „תשליך", אויס־צוטרייסלען פון די קעשענעס די ברעקלעך — „חטאים" אין וואַסער אַריין.

בלויז די וואַלד־סוחרים, זייערע בראַקערעס און שאַפערעס פלעגן אויסנוצן איר בייז לטר־בתן געשעפט: אויף אירע ברייטערע וואַסערן האָט מען דעמלט געטריבן די פליטן אַזש „ביז דאַנציק"... אָבער די טוריע איז פון דעסטוועגן ניט געבליבן הינטערשטעליק אין איר בייז־קייט: זי האָט זיך באַרואיקט, איז געוואָרן געזעצט, אַריין אין די ברעגן, געלאָזן די פישער פאַרוואַרפן אין זיך נעצן, זיך אויס־געוואָרעמט קעגן דער זון, געלאָזט אויפזינגען אין אירע געמויזעכצן זשאַבע־כאָרן און — קומט, קינד און קייט, זיך באָדן, לערנען זיך שווימען און אַרומשטיפן אין מיר וויפל דאָס האַרץ נאָר גלוסט!... — איז דאָך גוט און ווויל? נאָר פּלוצעם — אַ געוואַלד, אַ געיאָ־מער, אַ בהלה אין שטעטל, אַ ווילד געלויף צום טייך:

— אַ דערטרונקענער!

— ווער?

— וועמעס? — — —

ס׳איז שוין געווען אַזאַ געזעץ ביי איר, ביי דער טוריע, ווי זי וואָלט אַ בייזע מכשפה זיין: יאָר־איין, יאָר־אויס נעמט זי צו אַ קרבן פון שטעטל. וועמען? אַ גוי, צי, אפשר, אַ יידן? ווי אַ אָל. אַ מאָל אַ גוי, וואָס האָט, אַ פאַר־זויפטער, צעשלאָגענער און צעבלוטיקטער, פאַרלאָזט דעם יאַרידמאַרק און איז געקומען אַהער זיך אָפּקעלן די צעקאָכטע יוכע; אַ מאָל אַ שטיפעריש יידיש יינגל, וואָס האָט זיך פון חדר פון הינטערן טיש אַרויסגעגנבעט און איז

# ר' אברהמ'על מגיד

(תרל"ז/1876 — תשרי תשכ"ג/1982)

ש"י עגנון

## דו גאט ביזט דער גערעכטער

איין מאָל, מוצאי־שבת־קודש, אין דער ערשטער נאַכט פון סליחות, איז געזעסן דער צדיק רב אברהם פון טריסק זכרונו לברכה ביי זיך אין שטוב און פאַר אים זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן, און ער האָט גערעדט הויכע און דערהויבענע רייד, ווי זיין הייליקער שטייגער, און געזאָגט אַז אום יום־כיפור געפינען זיך די יידן אין אַ הויכער מדרגה פאַר השם יתברך, אַז ממש דער השם יתברך פאַרלאַנגט נישט פון זיי מער. נאָר דאָס איז אַ וווּנדער אין זיינע אויגן, פאַר וואָס נאָך יום־כיפור קערן זיי זיך, חס־ושלום, אום צוריק צו זייערע ערשטע מעשים. דערנאָך איז צו אים אַריינגעקומען איינער פון זיינע אייניקלעך און אים געפרעגט, פאַר וואָס ער גייט ניט אין בית־מדרש אַריין, ווייל ס'איז שוין צייט צו זאָגן סליחות. האָט אים דער צדיק אַ זאָג געטאָן:

— און דו ביסט שוין גרייט?

האָט אים דאָס אייניקל געענטפערט:

— און דער זיידע איז נאָך ניט גרייט?

האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— אַוודאי בין איך נאָך נישט גרייט דערצו. וואָרן ווי קאָן איך גיין זאָגן סליחות, אַז די סליחות הייבן זיך דאָך אָן מיט „לך ה' הצדקה" — דו גאָט ביסט דער גערעכטער, און איך ווייס, אַז ס'איז ניט אַזוי. דער מנהג פון דער וועלט איז דאָך, וואָס טוט אַ טאַטע, וואָס האָט אַ זון וואָס פירט זיך אויף חס־ושלום ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין? ער איז מטיב מיט אים, כדי ער זאָל ניט נאָך מער קאַליע ווערן. און בפרט, אַז די יידן זענען גוט און אָרנטלעך, און איך ווייס ניט וואָס האָט צו זיי דער בורא־יתברך?

דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אָבער „ולנו בושת הפנים" — מיר זענען פאַרשעמטע, דאָס איז אמת, איז דערפאַר לאָמיר גיין זאָגן סליחות.

און ער האָט זיך געלאָזט גיין אין בית־מדרש זאָגן סליחות.

(פון ספר „ימים נוראים")

---

אַהער געקומען זיך לערנען שווימען אויף אַ פּאָרל „קאַפּטשעקעס" (פענבערס). דאָס דערטרונקענע ייִנגל, אַרויסגעצויגן שוין פון וואַסער אויף איר רעכטן, גרין־גראָזיקן ברעג, אָדער לינקן, געל־זאַמדיקן ברעג, ליגט אַ בלוויער, אַן אויפגעבלאָזענער, און זי — גאָר־נישט, גלייך זי ווייסט נישט פון גאָרנישט צו זאָגן, גלייך זי פילט נישט אויף זיך דעם דערטרונקענעמס „קאַפּטשעקעס", וואָס וויגן זיך, ווי הוילע שאַרבנס, פאַרטשעפּעט פון אירע וואַסער־געוויקסן.

יעדעס יאָר האָט זי אַ קרבן צוגענומען, אויב — אויב עמעצער פעדערט זיך נישט אָן; ס'קלעקט ביי אים האַרץ און יידישקייט צו כאַפּן אַ קעצל, אָדער אַ הינטל, צובינדן דעם אַ שטריקל מיט אַ שווערן שטיין צום העלדזל און טון עס אַ שמיץ אַריין דער טוריע אין פינצטערן שויס אַריין. מיט דעם לייזט מען אויס ביי איר דעם קרבן. יידן האָבן געקוקט דערויף גרייליך קרום. ס'איז עפּעס אַ געצנ־דינעריש „כפרות־שלאָגן". די שטעטלדיקע „אויפגעקלערטע" האָבן געמעגט פריי פון דעם „מנהג" אָפּחוזקן, אָפּשפּעטן. אָבער — אָבער זיי האָבן זיך געקאָנט אויסלאַכן דעם גאַנצן גאָרגל, געהאָלפן האָט דאָס מיטל. ס'איז געווען אַ סגולה־בדוקה. והאָ־ראיה: שוין צוויי יאָר ווי דער טייך האָט קיינעם נישט צוגע־נומען...

מרדכי אליעזר פערל

# אין יאָרצייט פון טריסקער מגיד

אַלע יאָר אין טאָג פון זיין פטירה פלעגן קומען קיין טריסק פיל הונדערטער חסידים פון פוילן און פון אוקריינע מתפלל זיין אין דעם אוהל אויף זיין קבר. אַ סך קאַליעקעס פלעגן קומען בעטן אַ רפואה צו זייערע צעמזיקטע און פאַרקריפּלטע גלידער, אַ סך אָרעמעלייט פלעגן קומען פשוט בעטן נדבות.

די גאַנצע נאַכט פאַר ב׳ תמוז פלעגן אָנקומען חסידים, גיין אויפן אוהל, דאָרט מתפלל זיין און נאָך די זעלבע נאַכט פאָרן צוריק אהיים. דער שאָסיי פון רבין רב יעקב לייבעניוס הויף ביז צום אוהל איז געווען דאָ און דאָרט באַשטעלט מיט טישלעך, אויף וועלכע ס׳ברענען לעמפּלעך, און אויף אַ שטול נעבן זיי זיצן יידן און שרייבן פאַר די חסידים, וואָס גייען אויפן אוהל, קוויטלעך צום מגיד. די קוויטלעך זענען געשריבן אויף לשון־קודש. פאַרן אָנשרייבן אַזאַ קוויטל באַקומט דער שרייבער עטלעכע גראָשן.

די טריסקער ליצני־הדור פלעגן זיך מתנגדיש וויצלען, אַז אין דער נאַכט זעט מען בעשיימפערלעך נסים־ונפלאות: יידן וואָס אַ גאַנץ יאָר זענען זייערע פענעס שטומפּיק אויף אָנצושרייבן אַ שורה לשון־קודש אָן גרייזן, ווערן אין דער דאָזיקער נאַכט גאַנצע כתבא־רבאס אויף לשון־קודש, און מע צאָלט זיי נאָך דערפאַר!

אַ סך חסידים פלעגן בלייבן איבערנעכטיקן, כדי אויף צו מאָרגנס דאַווענען מיטן רבין צוזאַמען און גיין מיט אים אויפן אוהל. דאָרט פלעגן אַ סך חסידים געבן זייערע קוויטלעך דעם רבין אין האַנט אַריין, ער אַליין זאָל זיי אַריינוואַרפן אין ארון, וואָס איבערן מגידס קבר.

דאָס ענגשאַפט אין אוהל איז דעמאָלט געווען אין־לשער. די געוויינען און די קולות פון די בעטנדיקע — האַרצרייסנדיק.

— וואַסער! וואַסער! — האָט מען אָפּט דערהערט אַ געשריי. דאָס האָבן נעבעך יידן געחלשט פון דער דושנעקייט און דער היץ פון מענטשלעכע לייבער און ברענענדיקע נשמה־ליכט און אָנגעצונדענע קנייטלעך אין גלעזער מיט בוימל, און מ׳האָט זיי געדאַרפט מינטערן.

ווען האָבן דאָס געפעלט צרות ביי יידן? האָבן דאָ יידן אויסגעגאָסן זייער ביטער געמיט און געבעטן, דער צדיק זאָל זיך פאַר זיי באַמיען דאָרט אויבן אין הימל פאַרן כסא־הכבוד, ס׳זאָל זיי גרינגער ווערן.

— הייליקער צדיק, איך קאָן שוין מער נישט לעבן! — שרייט דאָרט פאַרצווייפלט אַ יידענע, און צענדליקער יידענעס באַגלייטן זי מיט געוויין אָן ווערטער. זיי זענען, משמעות אַלע איינפאַרשטאַנדן מיט אירע אויסגעשרייען. אַלע פילן זיי דאָס זעלבע.

דאָרט אין אַ ווינקל שטייט אַ הויכער ייד, בלאַס ווי די וואַנט, די הענט פאַרשטעקט אין גאַרטל, די אויגן פאַרגלאָצט, ער באַוועגט זיך ניט כמעט, נאָר פון צייט צו צייט הערט מען פון אים אַ טיפן קרעכץ:

— אוי־אוי! רבונו־של־עולם!...

זיינע תפילות גייען נישט פון זיין קעל אין מויל, נאָר גלייך פון האַרצן אַרויס צום הימל — — —

גייענדיק צוריק פונעם אוהל, ווינטשט איינער דעם צווייטן:

— איר זאָלט האָבן געפועלט אַל דאָס גוטס!

און יענער ענטפערט:

זכותו יגן עלינו!

צוריקגעקומען פון אוהל, פראַוועט דער רבי אַ טיש פאַרן גאַנצן עולם און זאָגט תורה אין נאָמען פונעם מגיד, זצ״ל.

★

דעם גאַנצן טאָג זעט דאָס שטעטל אויס יומטובדיק. יומטוב — אין אַ וואָכעדיקן טאָג. אַלע זענען אָנגעטאָן שבת־יומטובדיק. אַלע שטיבער זענען פול מיט געסט. עס זענען גע־קומען טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער, אָדער גלאַט באַקאַנטע, — מע מוז זיין ליי־טיש געקליידט. אויסער דעם האָבן שדכנים אָפּגעשטעלט זיך מיט מחותנים, מע זאָל זיך דאָ צוזאַמענטרעפן און דורכשמועסן וועגן די שידוכים, וואָס זיי האָבן פאַרגעשלאָגן, ווי אויך כאַפּן אַ קוק אויף אַ חתן־בחור, אָדער כלה־מיידל טאָקע פון הי. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל זענען שוין די קומענדיקע חת־נים און כלות געווען אויסגעפּוצט, ווי עס פּאַסט זיך אויף געפעלן צו ווערן. און וואָסער בחור, אָדער מיידל האָט עס געקאָנט זיין זיכער, אַז עמעץ וועט זיי נישט קומען אָנ־קוקן ? !

פלעגן טאָקע אין דעם טאָג אין טריסק געשלאָסן ווערן אַ סך שידוכים.

## א צעבראכענער שארבן

איין מאָל, סוכות ביי נאַכט, האָט זיך ר׳ אברהם, דער אדמו״ר פון טריסק, פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט פאַר דער שוועל פון דער סוכה. די חסידים, וואָס האָבן אים באַגלייט, זענען געשטאַנען אַרום שטום און פאַרוואונדערט. ביז ער האָט ווי אַ ציטער געטון און אַזוי געזאָגט :

— ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דער סוכה, האָב איך אָנגעהויבן מהרהר צו זיין : אין דער תפילה פון די ימים־נוראים האָב איך דאָך געזאָגט, אַז דער מענטש איז „משול כחרס הנשבר״ — געגליכן צו אַ צעבראָכענעם שאַרבן, איז ווי מעג איך אַריינגיין אין דער סוכה, אין וועלכער מע טאָר ניט אַריינטראָגן קיין ליימענע כלי ? אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אַ מאמר־חז״ל : „ליימענע כלים האָבן ניט קיין תקנה, נאָר — זיי צעברעכן״. און דערפאַר האָב איך צעבראָכן מיין האַרץ פאַרן בורא, וואָס „לב נדכה ונשבר לא יבזה״ — אַ צעבראָכן און דערשלאָגן האַרץ פאַראַכט ער ניט.

און ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל אין דער סוכה אַריין.

## רב חנינא בן דוסא און דער טריסקער רבי

אריה

מיין זיידע רב יעקב מאיר, עליו השלום, וואָס איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ שטאַרקער מתנגד, האָט זיך אויף דער עלטער געענדערט. איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט זייער ערנסט, אַז דער רבי רב יעקב לייבוניע האָט אים אַליין דערקלערט, אַז ווען ער איז פאַר עמעצן, אַ קראַנקן למשל, מתפלל, ווייסט ער, צי זיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן לויט דעם ווי די תפילה איז אים גלאַטיק אַרויס פון מויל.

יאָרן שפּעטער האָב איך אין מדרש געפונען אַזוי דערציילט :

„מע האָט געזאָגט אויף רב חנינא בן דוסא, אַז ער פלעגט מתפלל זיין אויף קראַנקע און זאָגן : ד ע ר וועט לעבן, און ד ע ר וועט שטאַרבן. האָט מען אים געפרעגט : — פון וואַנען ווייסטו ? — האָט ער געענטפערט : — אויב די תפילה גייט מיר אַרויס פון מויל גלאַטיק, ווייס איך, אַז זי איז אָנגענומען געוואָרן, און אויב ניט, ווייס איך, אַז זי איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן״.

# תורה־ווערטער
# פון טריסקער מגיד

(אויפגעקליבן פון זיין אור־איי ניקל י. טווערסקי)

### וועגן שירה

ס'שטייט אין דער משנה: וכל בעלי השיר יוצאים בשיר ונמשכים בשיר. „וכל בעלי השיר" מיינט מען יענע, וואָס פירן זיך בבחינת „שירו לו"; „יוצאים בשיר" — דורך די שירים און תשבחות גייען זיי אַוועק און רייסן זיך אַרויס פון אַלע שלעכטיקייטן און אַלע תאוות אויף דער וועלט; „ונמשכים בשיר" — דורך די שירים און תשבחות ציען זיי זיך צו גאָט און זענען זוכה צו אַן אמתער באַהעפטונג מיט זיין נאָמען, ער זאָל געלויבט זיין.

### א תפילה

„כי אם החרש תחרישי בעת הזאת, רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר, ואת ובית אביך תאבדי, ומי יודע אם לעת כזאת הגעת למלכות" (מגילת אסתר, ד', י"ד). רבונו של עולם! אויב אפילו אין די דאָזיקע ביטערע צייטן וועסטו נישט ביישטיין די יידן אין זייער אומגליק — וועלן די יידן זוכן געראַטעוועט ווערן ערגעץ־אַנדערש, דער וועט אַוועקפאָרן אַהער, און יענער אַהין, און ווער ווייסט, צי „לעת כזאת הגעת למלכות" — צי דו וועסט האָבן אויף וועמען צו קעניגן, ווייל „אין מלך בלי עם" — ס'ניטאָ קיין מלך אָן אַ פאָלק.

★ ★

רוח איז די בחינה פון דיבור, ווי ס'פאַרטייטשט דער תרגום אונקלוס דאָס וואָרט רוח — מללא: אַ ר ע ד ע ר.

### מ י ד ו ת

„ויגר אברהם בארץ פלישתים". פלש"ת באַשטייט פון די אותיות שפל"ת. וואָרן אין יענעם מלכות פון דער סטרא נחש ווערן די ברואים שפל'ע און נידעריקע.

★ ★

ווען אַ מענטש וויל זיך גרייטן איבער אַלץ, ווערט ער אין דער בחינה פון עמלק, ווייל עמל"ק איז בגימטריה ר"ם, די בחינה פון גאווה און פאַררייסנקייט.

★ ★

ווייל מ'שטופט־נאָך דעם שטיין נאָך דעם וואָס פאַלט, פאַרגעסט ער אַ מאָל דאָס פינטעלע פון זיין געטלעכקייט. מ'דאַרף מבטל מאַכן די בחינה פון דעם מענטשנס אינערליכן פאַלן.

### ווען ער האט דערהאלטן זיין ספר „מגן אברהם"

אָט האָב איך דאָ געשריבן: „ואברהם נקרא האדם הגדול בענקים" — און אברהם ווערט גערופן דער גרויסער מענטש צווישן ריזן, ווייל ער האָט אַנגעהויבן מתקן זיין די וועלט פון די עולמות התוהו. צי האָב איך נישט באַגערט צו זיין ווי ער? די וועלט האָב איך ניט מתקן געווען. אפילו טריסק האָב איך ניט מתקן געווען. פונדעסטוועגן בין איך געווען אַ צינור (ראָר), וואָס פירט איבער די תורה צו טויזנטער און צענערטויזנטער.

# לוצק

יעקב אלבירט
ניו־יאָרק (לוצק)

## פראַנץ קאַזאַק - לויצקער חסיד אומות העולם

ווי־ניט־ווי, אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין וואָלין, זענען געווען איינצעלנע קריסטן, פּאָליאַקן אָדער אוקריינער, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן, אַ קורצע אָדער אַ לענגערע צייט, עטליכע יידן פון די נאַצישע נעגל. על־פּי־רוב זענען דאָס געווען זייערע גוטע פריינט און באַקאַנטע. געוויס קומט יעדן איינעם פון זיי אַ גרויסן דאַנק און יעדער איינער איז ראוי זיין נאָמען זאָל ביי אונדז פאַרצייכנט ווערן „צום אייביקן אָנדענק".

דאָך, ניט יעדער איינער פון די רעטערס זענען געווען צדיקים און געוויס ניט וואָס מיר רופן חסידי אומות העולם. ניט אַלע האָבן עס געטון אויס ריין־הומאַניטאַרע סיבות און מענטשן־ליבע. אַ סך האָבן עס געטון פאַר גוט געלט. אַ סך האָבן אויך פאַרראַטן ביי דער קלענסטער געלעגנהייט און נאָר יחידים האָבן זיך באמת איינגעשטעלט דאָס לעבן כדי צו ראַטעווען יידן.

איינער פון די יחידים, אַ חסיד־אומות־העולם אין פולן זין פון וואָרט איז געווען דער טשעך פראַנץ קאַזאַק פון לוצק.

אַז פראַנץ קאַזאַק איז געווען אַן אמתער הומאַניטאַר זאָגן עדות צוויי פאַקטן: ער אַליין איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ אַנטי־סעמיטישער פאַמיליע, וואָס האָבן אים באַוויזן „דאָקומענטאַריש", מיט אותות־ומופתים, אַז יידן זענען שווינדלערס און מ׳טאָר מיט זיי ניט האַנדלען און ניט זיך אָננעמען פאַר זיי, און דאָך האָט ער געטון, ווען ס׳געקומען די צייט, דאָס זייניקע, ס׳הייסט געראַטעוועט יידן איינשטעלנדיק זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין גאַנצער פאַמיליע; ער האָט געראַטעוועט זיין געוועזענעם יידישן שותף מיט זיין פאַ־מיליע, וואָס נאָר מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער אים ניט געוואָלט אַרויסהעלפן, אפילו אים אַנטוישט און אפילו גע׳חוזק׳ט פון אים...

דערצו דאַרף מען באמת זיין אַ גוי — אַ צדיק! איז על־כן כדאי דאָ דערציילן אין קורצן וועגן לוצקער גויישן צדיק.

✶ ✶

פראַנץ קאַזאַק איז געווען אַ זון פון אַ גרויסער, פאַרצווייגטער טשעכישער פויערים־פאַמיליע אין טערעמנע. 8 קילאָמעטער פון לוצק, אויפן ראָוונער שאָסיי. זיי זענען געווען 6 ברידער און איין שוועסטער. ער איז געווען אַן איידעם פון טשעכישן פאַבריקאַנט אין לוצק, פּראָדוצירער פון אַגריקולטור־מאַשינען, פּראָקופּעק. פּראָקופּעק איז געווען אַ גוי אַ גרויסער גביר און איז געווען אויך באַוווּסט אַלס גרויסער אַנטיסעמיט.

פראַנץ איז געווען זייער ענערגיש. פון זיין נאַטור אפשר אויך אַן אומרויקער. אין איין שיינעם טאָג איז אים ווי הענג געוואָרן אין זיין דאָרף און ניט רעכענענדיק זיך מיט דער מיינונג פון זיינע עלטערן און ברידער און אָפּוואַרפנדיק די עצות פון זיין שווער פּראָ־קופּעק, האָט ער פאַרקויפט זיינע פעלדער און פרוכט־גאָרטנס — פאַרמאָגט האָט ער אַ סך און געקאָנט שיין לעבן אַן קאָפּ־דרייעניש — און זיך געשטעלט בויען אַ וואַלצן־מיל אויפן וועג לוצק־ראָוונע. פראַנץ איז געוואָרן אינ־דוסטריעלער. זיין שווער, זייענדיק אַליין אינ־דוסטריעלער, וואָלט אפשר מסכים געווען, האָט אים אָבער פאַרדראָסן הלמאי ער האָט גע־מאַכט שותפות מיט 2 יידן: פישל לייבאָוויטש און אברהם קלעפּאַטש.

פאַרטיק געוואָרן מיטן אויפשטעלן די מיל, פאַרבאָרגט זיך אין לאַנדווירטשאַפט־באַנק („ראָלני") מיט אַ היפּשן חוב (גענומען אַ מש־כנתא אויף דער מיל), האָבן אָנגעהויבן גיין די געשעפטן מיט דער פוטער אַראָפּ. פראַנץ קאַזאַק איז ממש געבליבן אָן פרנסה.

נאָך לאַנגע ראַנגלענישן, צוליב דער שוואַ־רער קאָנקורענץ פון די גרעסערע מילן, האָבן די שותּפים צוגעצויגן פריש קאַפּיטאַל — נאָך שותּפים. ס׳האָט ניט געהאָלפן. דאָס פרישע קאַפּיטאַל איז ערגעץ־ווו נעלם גע־וואָרן און פראַנץ איז ווייטער געבליבן אויף צרות מיט אַ פאַמיליע פון 5 מענטשן. זיין שווער פראָקופּעק האָט באַשולדיקט בפרהסיא פישל לייבאָוויטש אין זיין איידעמס שווערער עקאָנאָמישער לאַגע. כדי אים אַרויסהעלפן האָט ער אים געשטעלט אַ תנאי: פּטור ווערן פון זיין מסחר מיט יידן. אָבער פראַנץ האָט ניט געלאָזט פאַלן קיין שלעכט וואָרט אויף לייבאָוויטשן.

★ ★

1939. די סאָוועטן האָבן באַזעצט מערב־וואָלין און סיסטעמאַטיש אָנגעהויבן אַרויס־פירן כמעט אַלע פאַבריקן, מילן, וואַרשטאַטן און אַלץ וואָס דרייט זיך נאָר, קיין מזרח־רוסלאַנד, ווייט פון דייטש־אָקופּירט פּוילן. ווי אַ זאַך זאָל זיך ניט מאַכן. פראַנץ האָט גע־גלויבט, און איז כמעט געווען זיכער, אַז ענג־לאַנד און פראַנקרייך וועלן סוף־כל־סוף ביי־קומען דעם אוממאָראַלישן בונד צווישן היט־לערן און סטאַלינען און וואָלין וועט דעריבער צוריקקערן זיך אונטער פּוילנס הערשאַפט. ער האָט דעריבער אויסגעפונען אַ צד אין דער פאַרוואַלטונג פון די לוצקער מילן און מ׳האָט אים צוגעזאָגט אויסמיידן די עוואַקואַציע פון זיינע וואַלצן פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל.

אין יענער צייט איז לייבאָוויטש געוואָרן אַ סוחר־ספּעקולאַנט, אָפט געפאָרן קיין לעמ־בערג און „געמאַכט" געלט. פראַנץ האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל אים העלפן מבטל זיין די גזירה, אָבער לייבאָוויטש האָט אים ווי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. ער האָט גע׳חוזק׳ט פון זיין נאַיוויטעט און פון דעם וואָס ער איז אַזוי זיכער, אַז די סאָוועטן וועלן פאַרשפּילן דעם קריג און פאַרלירן וואָלין.

דאָס האָט זייער דערשלאָגן פראַנצן. ער איז געטראָפן געוואָרן ווי אַ דונער אין מיטן טאָג. ער האָט גלייך חושד געווען, אַז אייגנט־ליך איז דאָס לייבאָוויטשעס ווונטש, אַז די סאָוועטן זאָלן זיגן און בלייבן אין דער גע־גנט. ער איז מאָראַליש צעבראָכן געוואָרן, זיין טיפע אמונה צו מענטשן בכלל און צו פישלען בפרט איז מיט אַ מאָל צעשטערט געוואָרן. ווי אויסגערונען. זיין שווער פראָ־קופּעק, וואָס האָט, אַלס רייכער אינדוסטריע־לער, אויך שווער געליטן פון די רוסן, האָט פאַרשטייט זיך, געפונען דעם פּאַסיקן מאָמענט אָפּצורעכענען זיך מיט זיין אָפּגענאַרטן איי־דעם, אַ קרבן פון חבר׳ן זיך און האַנדלען מיט יידן, און זיך באַמיט אים „עפענען די אויגן".

אויך ביי אונדז אין שטוב איז מען געווען ביי דער דעה, אַז פישל, מיט זיין אומטאַק־טישער האַנדלונג, האָט פאַרוואַנדלט אַן אָרנט־ליכן קריסט, אַ יידנפריינט, אין אַ שונא־יש־ראל, אָבער מיר האָבן, צו אונדזער גרויסע פרייד, אַ טעות געהאַט אין אונדזער אָפּשאַ־צונג: פראַנץ קאָזאַק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס מאָראַלישער מענטש פון אַ גאָר הויכער מדרגה, וואָס לאו כל אדם איז זוכה צו דער־גרייכן. רייך אין גייסט, כדי „איבערשטייגן זיך זעלבסט", ווען צייט און אומשטענדן האָבן דאָס פון אים געפאָדערט.

★ ★

די געשעענישן לויפן אין אַ שנעלן טעמ־פּאָ. דער דייטש כאַפּלייצט מערב רוסלאַנד, די רויטע אַרמיי טרעט אַלץ צוריק. לוצק איז אַ גיהנום. די דייטשן רויבן ביי יידן וואָס ס׳נאָר געבליבן נאָך דער סאָוועטישער אָקו־פּאַציע. גויים, דאַקעגן, קריגן צוריק זייער אייגנטום וואָס די סאָוועטן האָבן זיינער צייט קאָנפיסקירט. פראַנץ קאָזאַק קריגט צוריק די מיל, אָבער די מאַשינען מיט די וואַלצן זענען שוין דאָרט ניטאָ. זיין כעס אויף פישלען איז אין לשער, ער טוט אים אָבער ניט קיין שלעכטס, ווי ס׳טוען אַ סך גויים לגבי יידן. ער באַמיט זיך אים נאָר ניט באַגעגענען. ער ברענגט אים ניט קיין שפּייז־פּראָדוקטן אין געטאָ אַריין, ווי ער ברענגט למשל אונדז און די וואַסערמאַנס. נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ און שפּעטער, בעת׳ן לאַגער אין ווילקע,

ווען פראַנץ איז שוין געווען פאַרטון אין אויסבאַהאַלטן 16 יידן (שפּעטער איז די צאָל דערגאַנגען ביז 31) ביי זיך, ביי זיינע ברידער און איינציקער שוועסטער און געדאגה׳ט פאַר זייער חיונה — האָט זיך פישל לייבאָוויטש מיט זיין פאַמיליע געפונען אין אַ איבערגעבליבענעם סאָווכאָז אין דאָרף וואַראָטניאָוו, אַ 20 קילאָמעטער אונטער לוצק.

איינמאָל, פאַר ניי־יאָר 1943, קומט צו אונדז אַראָפּ פראַנץ אין דער מעלינע ווו ער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן — 5 יידן זענען מיר דאָרט געווען — און דערציילט אונדז, אַז פישלען איז געלונגען אים איבערשיקן אַ בריוול דורך אַ צווייטן טשעך, ווו ער בעט זיך ביי אים ער זאָל אים ראַטעווען מיט זיין פאַמיליע, ווייל אין עטליכע טעג אַרום וועט מען זיי ליקווידירן. מיר האָבן אים שטיל אויסגעהערט. די אַטמאָספערע איז געווען פיינלעך, און הגם ס׳איז געווען פינצטער האָבן מיר ניט געוווסט ווו אַהינצוטון אונדזערע אויגן. און אַ וודאי ניט געוווסט וואָס אים ענטפערן. נאָך לאַנג שווייגן האָט ער אונדז דערקלערט, אַז הגם ער האַלט פאַר זיין הייליקע פליכט ראַטעווען וויפל נאָר ער קאָן, אפילו איינשטעלנדיק דערביי אין קאָן זיין גאַנצע גרויסע פאַמיליע, און אויך דאָס באַרויקט נאָך ניט זיין געוויסן, ווייל די קריסטליכע וועלט איז אַזוי אַכזריות׳דיק צו יידן, דאָך וועט ער פאַר פישלען גאָרניט ניט טון, ווייל ער האָט זיך דאָס ניט פאַרדינט, ווי מיר ווייסן עס אַליין גאַנץ גוט.

נאָך זיין פאַרלאָזן אונדזער מעלינע, האָבן מיר געהאַלטן אין איין אַריינקלערן: פאַרוואָס איז ער געקומען אונדז דערציילן און זיך פאַרענטפערן פאַר אונדז? צי ווייסט ער ניט ווי דאַנקבאַר מיר זענען אים פאַר אַלץ וואָס ער טוט פאַר אונדז? ניט אַנדערש, נאָר דאָס געוויסן פייניקט אים דאָך, און אפשר האָט ער געזוכט שותפים צו זיין „עבירה" ניט ראַטעווען מענטשן ווען ער קאָן עס אפשר יאָ טון? אַזוי צו אַזוי, צו קיין טאָלק זענען מיר ניט דערגאַנגען אין יענער נאַכט.

דעם ענטפער אויף אונדזערע פראַגן האָבן מיר באַקומען אויף מאָרגן אין מיטן דער נאַכט. פראַנץ קאָזאַק איז געקומען מיט אַ פור שטרוי ווו ער האָט געפירט באַהאַלטענע פיר יידן. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט נעבן אונדז, געזאָגט עטליכע גוטע טרייסט ווערטער און געפאָרן ווייטער צו זיינעם אַ קוזין, ניט ווייט פון אונדזער מעלינע.

✶ ✶

אויך די 4 יידן האָבן איבערגעלעבט די נאַציס. זיי לעבן איצט אין אַרגענטינע און זענען, איך האָף, געקומען אל המנוחה ואל הנחלה.

דאָס זענען דאָך פישל לייבאָוויטש, זיין פרוי און זייערע 2 קינדער.

# א בריוו אין רעדאקציע

ס׳האָט מיך געוווּנדערט לייענען אין ילקוט נומער 29 (העברעישע אויפלאַגע) דאָס אַרטיקל אונטער דעם נאָמען פון ה׳ יעקב בן־אמיתי. די סיבה וואָס ער גיט אָן איז, לויט מיין מיינונג, להלוטין ניט אויסגעהאַלטן.

איך בין געבוירן אין דראָשקאָפּאָל און געלערנט אין לוצק. אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון מיין קינדהייט אָן בין איך געווען אין אַ ענגן קאָנטאַקט מיט אוקראַינער און

# פארוואס זענען ניט פארגעקומען קיין פאגראמען אין לויצק?

כ׳האַלט ניט אַז זיי זענען געווען אַזעלכע גרויסע פּחדנים זיי זאָלן זיך האָבן דערשראָקן פאַר די שילער פון דער שטאָטישער שולע, וואָס די גרויסע מערהייט פון זיי איז, דרך אגב, געווען אַ קריסטליכע.

דער אמת איז אַ ביסל אַנדערש. כ׳האָב געלעבט אין יענער געגנט אין דער צייט פון פּעטליורען, סיטרוק און קימעט. אויף וויפל כ׳געדענק איז אַ פּאָגראָם פאָרגעקומען נאָר אין זוהיל. ווענן

דעם פּאָגראָם און די סיבות איז זיינער צייט פאַרעפנטליכט געוואָרן אַן אויסגעצייכנט אַרטיקל אין ילקוט. די אַטמאָספּערע דאַמאָלס איז טאַקי געווען זייער פיינדלעך, אָבער דער הויפּט־גורם פון צעבלאָזן די שנאה איז געווען די פּראַוואָסלאַווישע קירכע, וועמענס צענטער איז געווען אין פּיטשאַייעוו און איז דאַמאָלס כמעט ניט געווען אַקטיוו. ווען ס'האָט אויפגעוואַכט דער רעליגיעזער פאַקטאָר (צוליב דער יידישער יעווסעקציע), ווי צ. ב. אין זוויהיל — איז אויסגעבראָכן דער שרעקלעכער פּאָגראָם, וואָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין באַבעלס דערציילונגען.

יעדנפאַלס, אויף וויפל איך געדענק אין דרוש־קאַפּאַל, דאָס ביסל פאַליאַקן דאָרט, זענען געווען אַ סך גרעסערע שונאי־ישראל פון די אוקראַינער, הגם די פאַליאַקן זענען אייגנטליך געווען די הויפּט־סיבה פון דער אָרגאַנישער שנאה פון די אוקראַינער צו יידן.

מ'דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין נאָרמאַלע צייטן האָבן ביידע עדות געלעבט צוזאַמען אין שכנישע באַציונגען. ס'זענען, וואָס אמת, געווען פאַלן פון מאָרד און אָנפאַלן אויף יידן, אָבער אין אַ קליינער פּראָפּאָרציע און אָן אַוועלכן ס'איז פּאָליטישן אונטערגרונט.

ביז ס'געקומען דער גרויסער שונא ישראל און מיטגעריסן אוקראַינער צו מאַסן מערדערייען אויף יידן.

דגניה ב׳ **א. הירשפעלד**

**יעקב בן־אמיתי ענטפערט:**

א) ניט נאָר אין דער שטאַטישער גימנאַזיע האָבן געלערנט יידן. אין יענער צייט זענען געווען אין לוצק נאָך אַ ביסל יידישע לערן־אַנשטאַלטן: די קהילה־שולע ווו ס'האָבן געלערנט קינדער ביז אַלטער פון 16—15 יאָר; די פאַך שולע אונטער דער לייטונג פון יעקב לעוו (מיטן לערער פון העברעיש שקליארסקי); דיקשטיינס שולע; עטליכע „חדרים מתוקנים" און — אַ יידישער גימנאַזיסטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע יידישע שילער אין שטאָט. אויב ה' הירשפעלד האָט ווירקלעך געקאַנט די דאַמאָלסדיקע יידישע לוצק — בין איך צופרידן אים דערמאָנען פאַקטן, וואָס ער האָט פאַרגעסן.

ב) זוויהיל איז ניט געווען די איינציקע שטאָט וואָס האָט געליטן פון פּאָגראָם. שרעקליכע פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אויך אין פּראָסקוראָוו, טשודנעוו, קאַמעניבראָד, זשיטאָמיר, באַראַנאָווקע, קולין, סאָקאָלאָוו, טשערניכאָוו, האָראָשקע, דובנע, ראָטשעוו, פּאָלאָנע א. אַנדערע. אַ לאַנגע רשימה. כ'מיין ניט אַז ה' הירשפעלד איז ניט געווען באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון יענע בלוטיקע טעג אין גאַנץ אוקראַינע, ער האָט פּשוט פאַרגעסן. דערפאַר טאַקי האָט גוט געטון דער רעדאַקטאָר פון ילקוט ברענגענדיק אין זיין פאָרוואָרט אין זעלבן ילקוט (29) אַ קורצע, בלוטיקע סטאַטיסטיק: אין יאָרן 22—1918 זענען פאָרגעקומען אין אוקראַינע בערך 1400 פּאָגראָמען אויף יידן אין 350 שטעט, שטעטלעך און דערפער, אין וועלכע ס'זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַריבער 100,000 יידן א. אז. וו. — וואָלט ה' הירשפעלד געלייענט כאָטש דאָס, וואָלט ער ניט געטענהט, אַז בלויז אין זוויהיל איז געווען אַ פּאָגראָם.

וואָס שייך דעם פּראַוואָסלאַווישן צענטער אין פּיטשאַיעוו און די יידישע יעווסעקציע — ביידע האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט צו די פּאָגראָמען אין 20—1919.

ג) די ייִנגלעך, וועגן וועלכע כ'האָב דערציילט וואָס האָבן „געקעמפט" מיט די שקצים, האָבן געבילדעט, ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן, די יידישע זעלבסט־שוץ אין לוצק. נאָכמער: די וואָס זענען געווען די „מנהיגים" פון די קעמפערישע ייִנגלעך, זענען דערנאָך געשטאַנען אין דער שפּיץ פון זעלבסט־שוץ: קוין, איצט אין ישראל; דער סטודענט יוסף ראַנץ, דער זון פון יידיש רוסישן גענעראַל בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, ד"ר ראַנץ — און מיין זעליגער ברודער יצחק גאַלאַמב. די גויים האָבן טאַקע מורא געהאַט פאַר זיי, נאָך ווי' אַזוי! אַ פאַקט: ווען פּעטליורעס מיליטער האָט עוואַקואירט לוצק האָבן זיי איבערגעלאָזן מאַגאַזינען שפּייז־פּראָדוקטן. גויים פון לוצק און אומגעגנט זענען געקומען צו פאָרן מיט פורן און אָנגעהויבן רויבן; די יידישע זעלבסטשוץ האָט גלייך אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און באַשלאָסן אָפּשטעלן דעם רויב. ערשטנס, ס'זאָלן ניט אויספעלן קיין שפּייז־פּראָדוקטן. צווייטנס — דער יצר־הרע פון רויבן זאָל זיך ביי זיי ניט צעשפּילן. זיי האָבן גלייך מאַרשירט צו די רויבערס מיטן באַפעל צוריקלייגן די פּראָדוקטן. די גויים האָבן זיך געבעטן מ'זאָל זיי דערלויבן נעמען צו זעקלעך מעל, ווייל מ'האָט ביי זיי אַלץ קאָנפיסקירט און זיי הונגערן. די זעלבסטשוץ האָט זיי דאָס דערלויבט און איבערגעגעבן אַלע אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן צום פאָרזיצער פון שטאָט־ראָט, אַ קריסט, כדי צו פאַרטיילן צווישן דער אָרימער באַפעלקערונג, וכך הווה.

כ'מיין אַז שוין דער עפּיזאָד באַשטעטיקט, לכל הפחות טיילווייז, מייַן השערה פאַרוואָס ס'זענען ניט פאָרגעקומען קיין פּאָגראָמען אין לוצק.

יעקב בן־אמתי
תל־אביב (לוצק)

# לוצקער זכרונות:

## מיר לערנען זיך ספּאָרט און שיסן;
## אונדזער „רבי" טוט נסים

מיין ברודער יוסף ז"ל געווידמעט

אין יענע יאָרן זענען יידישע יינגלעך און מיידלעך אין לוצק געווען „משוגע צו ספּאָרט", אפשר ניט ווייניקער ווי היינט. ספּאָרט איז געווען פאַרבונדן מיט לערנען און קולטור, פאַרשידענע פאַרלעזונגען און קורסן. אין קהלישע און שטאָט שולעס, אין די „חדרים מתוקנים" האָט מען געטריבן ספּאָרט. בעיקר האָט מען זיך באַמיט צו אַנטוויקלען מוסקולן. דאָס פאָרן אויף לאָדקעס איז געווען איינע פון די הויפּט־מיטלען דערצו. דאָס רודערן האָט ווירקלעך געפאָדערט שטאַרקע מוסקולן און טרייב־קענטעניש. די שווימגעוועטן אויפן טייך סטיר, קילאָמעטערס־ווייט, פון דער יידישער דאַמאָלסדיקער יוגנט זענען געווען פּאָפּולער אויך אויסער לוצק און אויך צווישן דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. אַ סך מאָל איז מען געשווומען ביז ראָזשישטש. בעת אַזאַ שווים־קאָנקורס האָט מיין ברודער יוסף ז"ל, אַ פאַרברענטער ספּאָרטלער געווען, באַצאָלט מיטן לעבן. דאָס איז געווען אין אַ קאַלטן אָנהויב הערבסט־טאָג. ער איז צוריקגעקומען שווער פאַרקילט און איז דערפון געשטאָרבן. מ'האָט איינגעאָרדנט קאָנקורסן פון ראָווערן־געיעג, ווינטער — מיט שליטלעך און „קאָנקעס", מ'האָט געשפּילט קראָקעט און „גאָראָדקי" (ענליך צו היינטיקן „באָללינג") און „ספּיטשאַק" אָדער „לאַפּאַטאַ", היינט „בייזבאָל". קאָנקורסן אין רינגען און שיסן, און אַנדערע ספּאָרט איבונגען, היינט אַזוי־גערופענע לייכטע אַטלעטיק, ווי לויפן, שפּרינגען א. אַז וו. אויסער אין די אויבנדערמאָנטע שולעס, האָבן זיך אויך געבילדעט פאַרשידענע ספּאָרט־גרופּן.

וועט איר דאָך געוויס פרעגן אַ קשיא: מילא, אַלע אַנדערע ספּאָרטן האָט מען, ביים צאַר ניקאָלאַי, ווי ס'איז געקאָנט אויספירן. אָבער שיסן? ווו האָט מען גענומען געווער, און לערער, און אַ פּאַסיקן פּלאַץ דערצו? און דערלויבעניש?

ביי מיר, אין מיינע זכרונות, איז דאָס לערנען זיך שיסן פאַרבונדן מיט אַ מעשה וואָס מיר וועלן זי רופן „דער נס פון לאָקשנברעט".

✶

אין לוצק האָט אין יענע צייטן געלעבט אַ פּוילישע פאַמיליע מיטן נאָמען קראַיעווסקי. זיי האָבן איינגעוואַנדערט מיט יאָרן צוריק פון פּוילן און זענען געוואָרן תושבים, און דווקא צווישן יידן. זיי זענען געווען שטרענג קאַטאָליש, אָבער ניט קיין אַנטיסעמיטן און האָבן זיך גוט צוזאַמענגעלעבט מיט זייערע יידישע שכנים. דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געווען פון פאַך אַ מאַשיניסט און געפירט דעם לאָקאָמאָטיוו אויף דער באַן־ליניע לוצק—קיווערצע. ער האָט געהאַט אַן איינציקן זון, אַ שיינער הויכוווקסיקער שגץ. בלאָנד, מיט בלויע, תמיד־שמייכלענדיקע אויגן.

אין לוצק זענען דאַמאָלס געווען ווייניק פּוילישע פאַמיליעס. ער האָט געוווינט ביים אָפּגאַנג פון ווילקאַ צום סטיר, כמעט אַ ריין־יידישע גאַס. די געציילטע רוסישע פאַמיליעס, וואָס האָבן דאָרטן געוווינט, האָט ער פיינט געהאַט און אויסגעמיטן ווי אַ מגפה. ער האָט זיך גע'חבר'ט בלויז מיט יידישע יינגלעך און מיידלעך. ער האָט זיי שטענדיק געזען אַראָפּלויפן צום טייך זינגענדיק, שווימען אָדער פאָרן אויף די לאָדקעס. אַליין איז ער געווען אַ פאַרברענטער ספּאָרטלער מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו מעכאַניק. ביי זיך אין הויף האָט ער אויפגעבויט אַ גאַנצן מעכאַנישן וואַרשטאַט, ווו ער פלעגט פאַרברענגען אַ סך צייט. געהייסן האָט ער זדיסלאַוו אָדער זיגמונט, אויף וויפל איך געדענק. מיר האָבן אים געקרוינט מיטן יידישן נאָמען זישע. מיט דער צייט האָט ער אויך אָנגעהויבן פאַרשטיין און רעדן יידיש.

זישע האָט אונדז געלערנט אַ סך זאַכן. כל־ערליי סאָרטן. צווישן אַנדערע — שפּרינגען פון קראַסנעם בריק אינעם סטיר. דאָס איז געווען אַ גרויסע לייסטונג. ער פלעגט מיט אונדז פאָרן אין שיפלעך אויף פּיקניקס און שטענדיק אָנגעפירט מיט דער „האַרמאָדע". אָבער זיין עיקר־כוח איז געווען שיסן. כאָטש ער איז געווען גאַנץ יינג, איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער שיסער ער איז אָפּטמאָל אַרויסגעפאָרן מיט זיין פאָטער אויף יאָגד, וואָס איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער גויישער ספּאָרט. מיר האָבן ניט באַדאָרפט קיין אַכאַטע־ביקסן. ער האָט באַקומען פאַר אונדז קליין־קאַליבער־רעוואָלווערן „מאַנטאַקריסטאַ" און ביקסן פלעג ער אַליין צונויפשטעלן אין זיין וואַרשטאַט. זיי זענען טאַקי געווען זייער פּרימיטיוו, אָבער זיי האָבן געשאָסן און אפילו געטראָפן אין ציל. פאַר אונדז איז דאָס געווען איבערגענוג

דער עצם באַגריף פון שיסן האָט ביי אונדז געהאַט אַ גרויסן, מאָראַלישן ווערט. אפילו ס׳שווער געווען מיט זיינע ביקסן טרעפן אין ציל. ער פלעג אַזוי קאָמביִנירן, אַז פרעמדע, ניט קיין יידישע אויגן, זאָלן אונדז קיינמאָל ניט כאַפּן בשעת מעשה. פאַרשטייט זיך, אַז זישע איז געווען אַ משלנו׳דיקער און מיר האָבן אים אַלע ליב געהאַט.

✶

ויהי היום און אונדזער לאַדקעס־האַרמאַדע פאָרט אַרויס אויף אַ פּיקניק אין אַ גאַנצן דאָרף. מיר האָבן זיך דאָרט צעלייגט אויפן גראָז נעבן אַ פויערשער כאַטקע ניט ווייט פונעם טייך, ווו ס׳זענען געשטאַנען אונדזערע לאָדקעס. מיר האָבן באַשטעלט ביים פויער יינגע קאַרטאָפל מיט פּוטער און זויערמילך, סינעצעס און יאַגאַדעס מיט סמעטענע, קנישעס מיט קעז אָדער מיט ווייַנשל און פאַרטרינקען מיט וואַרימער מילך פריש־געמאָלקן פון דער קו. דערנאָך האָבן מיר געזונגען יידישע און רוסישע לידער.

אין מיטן זינגען איז צוגעקומען צו אונדז אַן הויכוווקסיקער דיקער פראַוואָסלאַוווער גלח מיט לאַנגע האָר און אַ לאַנגער, זיך גרויענדיקער באָרד. ער האָט אונדז פריינטלעך באַגריסט, געפרעגט וואָס מיר זינגען און שטאַרק געלויבט אונדזערע שטימען. ער האָט אונדז דערציילט וואָס ס׳טוט זיך אין זיין דאָרפישער געמיינדע און בעתן דערציילן שווער אָפּגעזיפצט: „שלעכטע צייטן. דאָס געדעטעניש אויף די פעלדער איז געווען אַ שלעכטע, די געמיינדע איז אָרעם, מ׳לעבט כמעט נאָר פון דער שטאָט, וואָס קויפט מילך פראָדוקטן, געמיזן און פרוכט. דאָס קלויסטערל אין דאָרף איז האַלב חרוב. ס׳רינט אַריין דורכן דאַך. די שויבן זענען צעבראָכן און ווילדע טויבן און פויגל האָבן זיך דאָרט איינגענעסטעט און פאַרשמוציקן דעם געבעט־זאַל און די איקאָנעס. אויסער דעם איז דאָס קלויסטערל צו קליין געוואָרן צוליב דער פאַרגרעסערונג פון באַפעלקערונג אין דאָרף. און אין דער געמיינדע־קאַסע איז נישטאָ קיין גראָשן״.

מיר האָבן אים אויסגעהערט און געענטפערט מיט אַ זיפץ, אויסגעדרוקט אונדזער האָפנונג, אַז גאָט וועט העלפן. עמיצער האָט אים געזאָגט דעם פסוק פון תהילים „אשא עיני... עזרי מעם ד׳ עושה שמים וארץ״ און דאָס האָט אים זייער דערפרייט.

און געהאָלפן האָט אים טאַקי ניט קיין אַנדערער ווי זישקע. ווי אַזוי? געוויס ניט מיט קיין געלט. ער איז דערצו געווען קנאַפּ רייך און אַ קנאַפּער מאמין. אויסער דעם איז ער געווען קאַטאָליק און ניט פראַוואָסלאַוונע. אָבער ער האָט געהאַט אויף זיך „אַ יידישן קאָפּ״ און פאַרמאָגט אַ סך הומאָר.

ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען פאָרן אַ היים איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און צו מיין חבר פיניע. פיניע איז געווען אַ יינגל אַ „טשודאַק״, וואָס איז אַרויס ל„תרבות רעה״. געוואָרן לא עלינו אַ פריידענקער. מ׳מוז געדענקען, אַז זיין פאָטער איז געווען חזן פון ווילקער בית־מדרש.

„רעביאַטאַ״ (חברה) — רופט זיך אָפּ צו אונדז זישקע — „ס׳איז אַ רחמנות אויף די פויערן. זייער גאַנץ לעבן ליגט אין דער „צערקווע״. דער צאַר—באַטיושקאַ אונטערדריקט זיי, זיי קענען ניט שרייבן און אפילו אַ „צערקווע״ גיט ער זיי ניט. טאָ לאָמיר זיי העלפן״.

מיר האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. ווי אַזוי קאָנען מיר זיי העלפן?

„איך האָב אַ פּלאַן״, מאַכט ער, „איך וועל אים אייך איצט ניט אויסזאָגן, אָבער אַ חוץ אונדז דריי, זאָל קיינער דערפון ניט וויסן״.

מיר האָבן געוואַרט אויף דעם פּלאַן אַ גאַנצן חודש. אין איינעם אַן אָוונט איז ער געקומען צו מיר מיט פיניען. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסע „איקאָנע״, אויף וועלכער ס׳איז געווען אויסגעמאָלט די „הייליקע מוטער מיט איר קינד״. נאָך איידער מיר האָבן אים וואָס געפרעגט, האָט ער אַ זאָג געטון: „פרעגט ניט קיין סך. אפשר האָט איר אַ גרויסע ברעט?״

— „ניין. האָב איך געענטפערט, אָבער ביי אונדז איז דאָ אַ לאָקשן־ברעט, אפשר איז דאָס גוט״.

„וווּנדערבאַר!״ האָט ער אַ געשריי געטון. „און נאָך עפּעס אַ קליין ברעטל״, האָט ער געבעטן. איך האָב פון אונדזער קיך אַרויסגעטראָגן דעם לאָקשן־ברעט און אַ קליין ברעטל האָב איך געפונען אויפן הויף.

— „און איצט״, האָט ער אַ זאָג געטון, „קומט מיט מיר צום טייך״.

מיר זענען מיט אים אַראָפּ צום סטיר. אין זיינע טאַשן האָט ער געהאַט אַ קליינעם האַמער מיט צוועקעס.

אָוועקגעלייגט דעם לאָקשן־ברעט, אָוועקגעשטעלט אויף אים די „איקאָנע״ און צוגעקלאַפּט זי זאָל שטיין אויף דער ברעט. אין דעם מאָמענט האָב איך באַמערקט אויף דער איקאָנע הענגען אָנגעבונדן מיט אַ קייטל אַ אייל־לאָמפּ, אַ מין „נר־תמיד״, להבדיל, וואָס מ׳צינדט אָן אין די צערקוועס איבער די איקאָנעס. ער האָט דעם לאָמפּ אָנגעצינדן, צוגעקלאַפּט דאָס קליינע ברעטל צום לאָקשן־ברעט, כדי אין שטראָם ביים שווימען זאָל

# טאָרטשין

אברהם גערשענזאָן
ברוקלין (טאָרטשין)

# פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה

מיין קליין, שיין וואָלינער שטעטעלע טאָרטשין, וואָס אויפן וועג לודמיר־לוצק*). נאָך אין יאָר 1890 האָט זי פאַרמאָגט אַ יידישע באַפעלקערונג פון 3 טויזנט נפשות.

אַרומגערינגלט מיט ברייטע פעלדער, וועלדער און לאָנקעס, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די היימישע פויערים. אויך אַרום די פעלדער האָבן זיך געפונען דייטשישע קאָלאָניעס — אַ דאָפּלטער גאַרטל אַרום שטעטל — אַ מין בטחון פון פרנסה און שפע פאַר די יידן אין שטעטל.

*) זע העברעישער ילקוט נומער 29.

איז טאַקע די פרנסה געווען פאַרשידנאַרטיק — הענדלער און קרעמער און בעלי־מלאכות מכל המינים. אַלע ערלעכע, גאָטספאָרכטיקע מענטשן. צווישן זיי גרויסע תלמודיסטן — משכילים, עסקנים און פשוטע יידן.

פאַר׳שמ׳ט איז געווען טאָרטשין פאַר אַ חסידיש שטעטל; אַלע שולן האָבן געטראָגן אַ נאָמען פון אַ באַוווּסטן, חסידישן רבי׳ן: די טשאַרטקאָווער שול, די טריסקער שול, אָליקער שול; די קאַרלינער, בלאַדאָווקער, נעסכיז׳־שער. נאָר 2 שולן בלויז האָבן ניט געטראָגן

עס „האַלטן פּאַסאָן״, און זיך ניט אָפּשלאָגן צום ברעג. „איצט, חברה, אויפהויבן און אַרויפליגן אויף הער לאַדקע!״. מיר האָבן אַזוי געטון. „דו, פיניע״, זעץ זיך אין דער לאָדקע, פאָר ביז אין מיטן דעם טייך און דאָרט לאָז אַראָפּ דעם לאָקשן־ברעט גאַנץ פאָרזיכטיק אויפן וואַסער. ס׳וועט שוין שווימען מיטן שטראָם אַראָפּ פאַרביי דעם דאָרף. דערנאָך קום שנעל צוריק״.

מיר האָבן געהאַלטן וואַך אויפן ברעג, נאָר ביז פיניע איז צוריקגעקומען, האָב איך אים אויסגעפאָרשט: „און וואָס וועט איצט זיין? וואָס ליגט אַזוינס אין דער גאַנצער מעשה?״

ער האָט זיך צעלאַכט. „דער לאָקשנברעט מיט דער „הייליקער מוטער״ וועט פאַרביישווימען נעבן דאָרף. עמיצער פון די פויערן וועט זען דאָס ליכט פון דערווייטנס, זיי וועלן זיין בייגעריק און לויפן צום ברעג, פון דערווייטנס וועלן זיי זען די באַלויכטענע הייליקע מוטער און די אבערגלויביקע פויערן וועלן גלייך פאַרשפּרייטן די ידיעה, אַז די הייליקע מוטער האָט זיך צו זיי באַוויזן. מ׳וועט מודיע זיין דעם פּאָפּ, דעם אַרכימענדריט, דעם איספּראַווניק און דעם גובערנאַטאָר. בקיצור, ס׳וועט זיך טון. און דאָרט ווו די הייליקע מוטער באַווייזט זיך, מוז אַ צערקווע אויף איר נאָמען געבויט ווערן. וועסט זען, אַלע וועלן געבן געלט, אויך דער צאַר־באַטיושקאַ!...״

וכך הוה. צומאָרגנס האָט זיך געקאָכט די גאַנצע געגנט. אַ וווּנדער איז געשען. די הייליקע מוטער האָט זיך אין דאָרף באַוויזן, ס׳האָבן זיך אפילו געפונען סקעפּטיקער, אָבער ס׳האָט ניט געשטערט. אַ שיקסע האָט זי מיט אירע אייגענע אויגן געזען, און דאָס איז גענוג. שטעלט זיך פאָר, אַז אפילו אַ פּאָר יידן האָבן עפּעס צושטייער געגעבן אויף דער צערקווע. דער „איספּראַווניק״ האָט „געבעטן״.

אין אַ צייט אַרום איז ווירקלעך אויפגעבויט געוואָרן אַ שיינע נייע צערקווע אין דאָרף.

מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „די צערקווע פון לאָקשנבּרעט״. צום חנוכת הצערקווע זענען מיר, די „הויפּט־מחותנים״, במחילה מכבודנו, ניט איינגעלאַדן געוואָרן. מיר אַלע דריי האָבן געשטומט ווי פיש, אַנדערש וואָלטן מיר אַריינגעכאַפּט יענעם פּסק...

קיין נעמען פון רביים, זיי האָבן באַלאַנגט צום פשוטן פאָלק: דער בית־מדרש אין שטאָט אַרונטער און די גרויסע שול נעבן דער פאַר־שטאָט. די גרויסע שול האָט געשפּילט אַ ראָלע אין קהלישן לעבן. אויסערליך — אַ רחבות'־דיקער אַריינגאַנג. אינעווייניק — נאָך שענער: אַ גרויסער, רייכער באַלעמער, סופּיט און ווענט באַמאָלן מיט חומש־בילדער: די 12 שבטים; משה רבינו נידערט מיט די לוחות; אברהם פירט יצחקן צו דער עקידה, און נאָך. אין דער מזרח־וואַנט שטייט דער שיינער, געשניצ־טער ארון־הקודש, מיטן שיינעם גילדערנעם אויסגעהאַפטענעם פּרוכת. אויף דעם קאָפּ פון ארון־הקודש, ווי אַ קרוין, די שני לוחות מיט די כרובים ביי דער זייט. אויף אונדז יינגלאַך האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

אַלע חופּה'ס פון די שטאָטישע חתונות, זענען געפירט געוואָרן צו דער גרויסער שול, און דאָרט געשטעלט געוואָרן אונטערן פרייען הימל. אַלע קהלישע פאַרזאַמלונגען, ווי דאָס וויילן אַ סטאַראָסטע, זענען פאַרגעקומען אין שול. אַז ס'פלעגט קומען אַ בעל־דרשן, אָדער אַ חזן מיט משוררים דאַווענען אַ שבת, האָט ער געדאַוונט אין דער גרויסער שול. און אַ חוץ די שטענדיקע מתפללים, פלעג די שול באַלאַגערט ווערן פון יידן פון אַלע אַנדערע שולן, בכדי הנאה האָבן פון דער דרשה, אָדער פון די זיסע, האַרציקע תפילות.

אויך די אַנדערע שולן זענען געווען טע־טיק. זייערע רביים פלעגן אָפּט אַרונטערקר־מען, יעדער צו זיינע חסידים. אַזוי פלעגן אַרונטער קומען דער טריסקער, דער אָליקער, און אַנדערע. אָבער ביי די טאַרטשינער יידן האָט ניט אויסגעמאַכט וועלכער רבי ס'איז געקומען. איך געדענק איינמאָל אַ פּריציק, האָט אַ רבי געדאַרפט אָנקומען אין שטעטל. האָט מען פאַרמאַכט אַלע קראָמען, און די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען אים מקבל פנים זיין. און ווען ער איז אָנגעקומען מיטן פאַיע־טאָן, האָט מען אויסגעשפּאַנט די פערד, און די חסידים זיינע האָבן זיך איינגעשפּאַנט במקום די פערד, און מיט געזאַנג אים אַריינ־געפירט אין שטעטל אַריין. דאָס בילד לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.

אויך די טשאַרטקאָווער שול לאָזט זיך ניט פאַרגעסן; דאָס איז געווען אַ שול פון לויטער לומדים. דאָרטן האָבן געדאַוונט די פני פון שטאָט, גרויסע לומדים: איציקל הערשקעס, חיים גערשענזאָן, ישראל שטיינבערג, ישראל ווייסענבערג, לייביש זיסי יעקבס, עזור און אליהו טובלין, בעריש גראַפין, משה יחיאל'ס, יענקל דער פּוילישער, אהרנ'צי יאָסע קאַש־טאַנס, לייב נחמן ווערביס, און נאָך. דאָרט האָט איר געקענט הערן סיי אַ ויכוח וועגן אַ סוגיה אין דער גמרא סיי וועגן וועלט־פּאָליטיק. דאָרט זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן גע־לייענט די העברעישע און רוסישע צייטונגען...

אין סוף יאָרהונדערט, האָט זיך באַזעצט אין שטעטל אַ באַוווסטער מעדיצינער, ד"ר בן־ציון ביילין, אַ געלערנטער און גלייכצייט־טיק אַן אמתער יידישער פאָלקסמענטש. ער איז געוואָרן דער ערשטער געזעלשאַפטלעכער טו־ער אין טאַרטשין. ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אויפצוהייבן די באַפעלקערונג פון איר שרעקליכן היגיענישן מצב. צו דעם צוועק האָט ער צוגעצויגן צו זיך די משכילישע און פשוטע בעלי־הבתים און מיט זייער הילף אָנגעהויבן דורכפירן זיינע פּלענער: ברוקירן גאַסן, בויערן וואַסער־פּלומפּן, אויפגעעפנט אַ שפּאַר־און לייי־קאַסע. האָבן טאָקע אַ סך טאַר־טשינער יידן געמאַכט הלוואות און אויסגע־וואַנדערט קיין אַמעריקע, און זייענדיק דאָרט, אויסגעצאָלט די הלוואה מיט אַ דאַנק...

אָבער בעיקר איז צו פאַרצייכענען זיין גרויסן אויפטו: פועל'ן ביי דער „חברת מפיצי השכלה" אין פּעטערבורג, אַז זיי זאָלן עפענען אַ קינדער שולע אין טאַרטשין, ווו מ'האָט געלערנט ביידע שפּראַכן — רוסיש און העברעיש. און ווען די שולע איז געעפנט גע־וואָרן, איז אין שטאָט געווען אַ גרויסער יום־טוב: אַלע קראָמען זענען דעם טאָג געווען געשלאָסן. יידן זענען געווען אָנגעטון אין זייערע שבת'דיקע בגדים; אַ מיליטערישער אָרקעסטער איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון

לוצק און געשפּילט אַ גאַנצן טאָג, און אַ גרויסאַרטיקער מאַלצייט איז פאַרגעקומען ביי ד״ר א. ביילין אין הויז, בכבודיקע געסט און באַאַמטע זענען זיך צונויפגעפאָרן פון דעם גאַנצן ראַיאָן און ס׳איז געווען ליהודים. די שולע איז געעפנט געוואָרן ביי ברײַנדעלע שטיינבערג אין מויער. לערער זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון הרב יעקב ריינעס׳ס ישיבה אין ליטע. לערער — פּעדאַגאָגן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז די שולע באַוווסט געוואָרן אַלס די בעסטע שולע אין וואָלין.

אויך פּשוטע יידן זענען געווען טעטיק אין קהילשן לעבן. זיי האָבן אָנגעפירט מיט אַ לינת־הצדק, לשם מצוה, פּערוואַלטעט מיט דעם „הקדש״ א. אַז. וו. ספּעציעל האָט זיך אָנגעזען אין שטעטל די „חברה־קדישא״. זייערע סעודות, וואָס זיי פלעגן פראַווען יעדעס יאָר אום זאת־חנוכה האָבן גע׳שמ׳ט אין דער סביבה.

אין די יאָרן 12—1910 איז אויפגעשטאַנען אין טאָרטשין אַ לעבעדיקע אַקטיווע יוגנט, וואָס האָט זיך צעטיילט אין פאַרשידענע גרופּן: רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן־בונדיסטן, ציוניסטן און יידישיסטן מיט די ברידער פּרויקע און דוד שפּראַך אין דער שפּיץ.*) זיי האָבן געגרינדעט אַ יידישע ביבליאָטעק, איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען און לעקציעס וועגן יידישער ליטעראַטור, געגרינדעט אַ ליטעראַרישן קלוב, ווו מ׳האָט שטודירט אַלגעמיינע און יידישע קלאַסיקער, געגרינדעט אַ כאָר פאַר פאָלקס־לידער.

אָבער אויך די אַנדערע גרופּן זענען ניט געווען אונטערשטעליק. ספּעציעל האָט זיך דאָס געלאָזט זען יעדן שבת נאָך מיטיק אין די זומער מאָנאַטן: מחנות׳ווייז פלעג זיך די יוגנט ציען אין סמאָליווער וואַלד, ווו ס׳זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דיסקוסיעס, פאַרלעזונגען, טעאַטער־און כאָר־פּרוון און זיך שטענדיק געענדיקט מיט פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע, ציוניסטישע און סתם פאָלקס־לידער, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין גאַנצן וואַלד און ניט איינמאָל האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז אויך די פייגל זינגען מיט מיט אונדז...

צוריקגעקערט אַ היים האָבן מיר זיך ווי באַרייכערט אין גייסט. די שיינע פעלדער און גערטנער אַרום (גויישע) האָבן צוגעגעבן שטימונג. אַ שמאָלער טייך האָט זיך געצויגן פון מיטן וואַלד אָן העט־ווייט צו דער וואַסערמיל. ביי די זייטן פון טייך — אַ סך נאַטירליכע קוואַלן. ניט איין פאַרליבט פּאָרל פלעג זיך אויסציען ביי די ראַנדן פון קוואַלן און לעשן זייער דורשט מיט קילע, ממש מינעראַלוואַסער, וואָס איינער האָט געטרונקען מיט ליבע פון צווייטנס זשמעניע...

---

*) וועגן די ברידער שפּראַך זע אין ילקוט 29.



# דאס בילד פון זאסלאווער יידן

עמנואל פאלאק
ניו־יאָרק (זאַסלאַוו)

אַ בילד ממש. פאָטאָגראַפירט מיט אַן אַל־טן, הילצערנעם אַפּאַראַט אויף דריי הילצערנע פיס. אַט איז׳ס פאַר אַייך: אַלט, אָפּגעריבן, מטושטש. אין אַן ענגלישער צייטונגס־רעדאַק־ציע האָט מען אַ מאָל גענומען דערפון אַ קלי־שע. דאָס בילד מיט דער קלישע זענען פאַר־שווונדן. געבליבן איז דאָס בילד וואָס קוקט אַראָפּ צו מיר פון דער צייטונג.

יאָרן האָב איך דאָס בילד ניט אָנגעזען מער פאַר מיינע אויגן. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דעם נאָכן בלוטיקן, נאַצישן מבול. צום צווייטן מאָל האָב איך עס אַרויסגענומען פון מיין אַרכיוו נאָכן אויפשטיין פון מדינת יש־ראל. זינט דאַמאָלס איז׳ס אַיינגעפּאַסט אין אַ ראַם און שטייט אויף מיין שרייבטיש.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס בילד מיט מדינת ישראל? ס׳האָט אַ שייכות. כ׳מיין אַז דאָ איז צו זוכן די וואָרצלען פון מדינת ישראל. כ׳בין ניט קיין פרום־רעליגיעזער ייד, אָבער כ׳מיין אַז אונדזער נייע מדינת ישראל האָבן מיר קודם־כל צו פאַרדאַנקען די אַלטע הייליקע תורה, און אונדזערע פאָטערס און זיידעס וואָס האָבן די תורה אָפּגעהיט און אויך אונדז געלערנט אַזוי צו טון, לערנט אונדז דאָך די תורה, אַז ארץ ישראל געהער צום פאָלק ישראל. פון אייביק ביז אייביק. דערפאַר ווען איך זע אַ ספר־תורה, זע איך פאַר מיינע אויגן אויך מדינת ישראל. אַן אַסאָציאַציע אַזאַ.

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צום בילד.

✶

זאַסלאַווער יידן, פונקט ווי איך, וועלן באַלד פון ערשטן בליק אויפן בילד, געוויס דערקענען דאָס ווינקל פון זייער אַלט שטעטל און אפשר דערקענען עטליכע פון זייערע לאַנדסלייט. און אויב זיי וועלן זיך אָנשטריינגען, וועלן זיי אפשר אויך דערקענען קרובים אין זייערע טאָג־טעגלעכע מלבושים. איר זעט זיי אין די אָבגעטראָגענע בגדים, אין שטיוול און אַלטע קאַשקעטן. אַזוי האָבן זיי אויסגעזען מיט יאָרן צוריק בשעת מיין אָפּפאָרן פון שטעטל.

אָט, למשל, נעמט יהושע גרינפעלד. אָדער

ווי מען פלעגט אים רופן אין שטעטל — יהושע פלעצל, אָט דער, וואָס טראָגט דעם ווייסן כאַלאַט. פאַרוואָס, וועט איר פרעגן, האָט מען אים צוגעטשעפּעט דעם נאָמען „פלעצל"? נאָר וואָס איז די נפקא מיניה? כ'גלויב, אַז די זאַסלאַווער ווייסן די סיבה. איך געדענק יהושע פלעצל מיט דעם ווייסן כאַלאַט זינט איך בין געקומען צו מיין שכל. אָדער לאָמיר נעמען שלמה לערנער, וועלכער שטייט אויפן בילד צוזאַמען מיט יהושע פלעצל, אַ ביסל ווייטער, לינקס. זיין פּנים איז שטענדיק געווען געלבליך. ער טראָגט נאָך אַלץ דאָס קורצע בערדל, וואָס ער ראַזירט בלויז פון פסח צו פסח.

כ'האָב אַלע מאָל מורא געהאַט פאַר אים. זיין אויסזען האָט מיך שטענדיק געשראָקן, ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אַ מאַנאַך. איך האָב זיך קיינמאָל נישט איינגעשטעלט איבערצוטרעטן די שוועל פון זיין הויז. איינמאָל האָט מיין טאַטע מיך געשיקט מיט אַ שליחות צו אים און אָנגעזאָגט וואַרטן אויף אַ תשובה. אָבער זייט דאַמאָלס האָב איך זיך אָפּגעזאָגט גיין צו שלמה לערנער, כאָטש דער טאַטע האָט זיך געבייזערט. איז ווילט איר דאָך וויסן, וואָס האָט מיך געשראָקן? הערט: ווי נאָר כ'האָב געעפנט שלמה לערנער'ס טיר, בין איך שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן. ס'האָט מיך אַ זעץ געטון אין נאָז אַ שווערער גערוך פון אַלטע ספרים און בעט־געוואַנט, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען די שיין פון דער זון. אַ פאַרדעמפּעטקייט האָט פאַרכאַפּט מיין אָטעם. אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען און ס'האָט מיך געשווינדלט פאַר די אויגן. כ'האָב גאָרניט־ניט געקאָנט זען. אַזוי פינצטער איז געווען אין צימער. פּלוצים האָב איך דערזען אַן אויסגעשטרעקטע דאַרע האַנט פון אַן הויקערדיק יינגל און נאָך אים האָט זיך אָנטפּלעקט דער לאַנגער אויסגעמאַגערטער לערנער. פון שרעק האָב איך קוים געקענט אויף שנעל איבערגעבן מיין שליחות און בין אַנטלאָפן ניט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה.

כ'זע אויפן בילד שמואל גרין, שלום פלאַץ, פאַליק קליינער און אַנדערע געזיכטער פון מיינע לאַנדסלייט. אָבער איך וועל לאָזן מיינע זאַסלאַווער אַליין דערקענען זייערע אייגענע. זיי וועלן אַזוי אַרום מער הנאה האָבן. כ'וויל דאָ אויפקלערן די סיבה, וואָס האָט זיי צוזאַמען געבראַכט, לויט דעם בריוו מיטן בילד, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון זאַסלאַוו. דאָס איז געווען, אויף וויפל כ'געדענק, אין נאָוועמבער 1926.

דאָס קליינע ווייסע הויז, וואָס איר זעט, איז ווו עוזר דער שמש וווינט. ער היט אָפּ די מתים פון שטעטל. דער געמויערטער פּאַרקן איז אַ טייל פון זאַסלאַווער בית־עולם. מ'קען זען אויפן בילד, אַז ס'קומט פאָר אַ לויה. דער ארון איז צוגעדעקט מיט אַ טלית. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל — מענער, פרויען, יונג און אַלט, זענען געקומען אָפּגעבן כבוד און באַגלייטן דעם מת צו זיין אייביקער רו. אין דעם ארון האָט זיך נישט געפונען קיין גוף. אין דעם ארון האָבן זיך געפונען אָפּגעברענטע ספר־תורות, גמרות, משניותן, מחזורים, סידרים, טליתים. אין אַ שׂרפה איז פאַרברענט געוואָרן די אַלטע זאַסלאַווער שול. אין פייער איז אומגעקומען אַ לעגענדאַרער ארון־קודש, זיינע זילבערנע קרוינען, מאַנטעלעך און פּרוכת'ן, אויסגענייטע מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדימער. אַ טייל פון די ספר־תורות און כלי־קודש שטאַמען פון שפּאַנישן גירוש. די הייליקע, גייסטיקע אוצרות האָבן באַלויכטן דאָס לעבן פון זאַסלאַווער יידן־למדנים אין משך פון 500 יאָר.

די זאַסלאַווער שול איז געשטאַנען אויף אַן הויכן, פעלזיקן אָפּהאַנג און אַראָפּגעקוקט צום טייך גאָרין, וואָס האָט געפליסט אונטן אין טאָל. די שול האָט געהאַט דיקע ווענט, ווי אין אַ קרעפּאַסט, און אַן הויכן קופּאָל פון אָריענטאַלישן סטיל. די שול איז געווען אַן עדות פון אַ סך היסטאָרישע געשעענישן, צו ווילדע פאַרברעכנס און גרויזאַמקייטן, וואָס די יידישע זאַסלאַווער קהילה איז אויסגעשטאַנען אין משך פון הונדערטער יאָרן, פון די כמעלניצקי־פּאָגראָמען אין 1648 ביז די לעצטע פּאָגראָמען פון פּעטליורעס סאָלדאַטן אין

1918, ווען אַ טייל יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דעם בוידעם פון דער אַלטער היסטאָרי־שער שול.

אין דער מלחמה צווישן די באָלשעוויס־טישע און פּוילישע אַרמייען איז די שול שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן. נאָך דער רוסי־שער רעוואָלוציע איז די שול געוואָרן אַלץ מער און מער אָפּגעלאָזן. אַ סך יידן האָבן אויסגעוואַנדערט. אַנדערע, פון עלטערן דור, זענען אויסגעשטאָרבן: פון אַלטער, פון הונ־גער, קראַנקייטן און נויט. די מערהייט פון יינגן דור האָט זיך אַנגעשטעקט מיט רעוואָ־לוציאָנערע חלומות, האָבן נישט געגלויבט אין גאָט, באַטראַכט רעליגיע ווי סם־המות פאַרן פאָלק און מער נישט באַזוכט די שול.

אין אַ פינצטערער זומער־נאַכט אין יאָר 1925 איז אויסגעבראָכן אַ פייער אין דער שול. די גלאָקן פון דעם קלויסטער אין שטעטל האָבן זיך צעקלונגען. פון אַלע עקן שטעטל זענען זיך צענויפגעלאָפן די האַלב פאַרשלאָ־פענע, דערשראָקענע איינוווינער. די קליינע שטאָטישע פּאָמפּע פון די פייער־לעשער האָט ווייניק־וואָס געהאָלפן. די שול און אירע אַל־טע אוצרות, פון גרויסן היסטאָרישן ווערט, איז פאַרברענט געוואָרן.

דערשיטערטע, דערשטוינטע און הילפלאָזע זענען זאַסלאַווער יידן געשטאַנען און געקוקט ווי דאָס פייער שלינגט איין זייער אַלטן מקום־קדוש און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

✶

מיט ביטערע טרערן שטייען זיי אויך אויפן הייליקן אָרט, ווי מיר זעען אויפן בילד, און קוקן זיך צו ווי מ׳באַגראָבט די רעשטלעך הייליקייטן. אין אַזאַ טאָג ווערט דערקלערט ביי יידן תשעה־באב. יידן פאַסטן און פייניקן זיך.

די אגדה דערציילט, אַז אין טאָג וואָס ס׳חרוב געוואָרן דער בית המקדש איז געבוירן געוואָרן משיח. חורבן און גאולה גייען האַנט־ביי־האַנט. איך הער דאָס געוויין פון מיינע זאַסלאַווער לאַנדסלייט פון בילד אַראָפּ. פון זייער געוויין אַרויס הער איך אויך די בשורה פון בנין ציון וירושלים. איך זע דאָס אַלץ מיט זייערע אויגן.

איך באַשטעל פאַרן בילד אַ נייע, זיל־בערנע ראָם.

ידיש, פון כתב־יד: **ניסן פירער**

# יערלעכע אזכרה אין ניו־יארק

יעדעס יאָר, זינט די פעדעראַציע פון וואָלינער יידן איז געגרינדעט געוואָרן, ווערט אָפּגעהאַלטן אין ניו יאָרק אויף אַן איינדרוקספולן אופן אַ הזכרה נאָך די וואָלינער קדושים.

כ׳וועל דאָ איבערגעבן, אין קורצע שטריכן, וועגן דער לעצטער טרויער־אַקאַדעמיע.

נאָוועמבער 1969. ס׳איז געווען אַ קאַלטער, נאַסער, רעגנדיקער זונטיק נאָכמיטאָג, ווי דער הימל אַליין וואָלט באַוויינט די אומגעקומענע קדושים. דאָך זענען הונדערטער וואָלינער יידן, מענער און פרויען, פון ניו־יאָרק און אַנדערע ערטער, געקומען מזכיר־נשמות זיין זייערע קדו־שים.

ווען די „פאר צענטער" שול איז געווען פול, האָט דער פאָרזיצער, ה׳ מאָריס בעלל (משה דוד בעלאאוס, פון לוצק), דערעפנט די הזכרה מיט אַ פאַרשטיקטער שטים. אין שול איז שטיל און די אַטמאָספערע איז פול מיט אימה, ווי יום־כיפור פאַר כל נדרי, און ס׳פילט זיך ווי די נשמות פון די אומגעבראַכטע געפינען זיך אין שול און זיינען זיך מתיחד מיט די אבלים — ווי דער פסוק זאָגט: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו".

דער פאָרזיצער רופט דעם וואָלינער ייד, מאיר רויטמאַן, אַליין אַ געראַטעוועטער פון היטלער׳ס גיהנום, ער זאָל מיט אַן אָנגעצונדן ליכט באַדינען די זעקס פרויען פון דער שארית הפליטה, יעדע זאָל אָנצינדן אַ ליכט, לזכר די זעקס מיליאָן קדושים.

אַן אַלגעמיינער שטילער געוויין נעמט דורך די פאַרזאַמלטע...

(סוף אויף זייט 48)

# זעלטענע, פשוטע יידן אין וואלין

חיים דן
קיבוץ עינת (האַרכיוו)

## תהילים־וועקער אין האַרכיוו

יעדעס שטעטל אין וואָלין האָט געהאַט איר רב (מרא־דאתרא), שוחט, חזן און אויך איר סליחות־רופער און תהילים־וועקער. רבנים, שוחטים, חזנים — האָבן נאָך זייערע נאָכפאָל־גער ביז היינטיקן טאָג, הגם, די מערהייט, דאַכט זיך, פון אַן אַנדער נוסח, פון אַן אַנדערן שניט. די תהילים־וועקערס זענען כמעט ווי פאַרשוואונדן נאָך דער היטלער־קאַטאַסטראָפע פון יידישן לעבנס־שטייגער. איז אפשר כדאי אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאַר איינעם פון זיי — דעם תהילים־וועקער אין מיין שטעטל הארכיוו. אפשר זענען זיינע גרונט־שטריכן געמיינזאַם פאַר אַ סך פון זיינע „חברים פון פאַך" אין אַלע אַנדערע מקומות, אַמאָל — —

✶

געהייסן האָט ער יעקב־יצחק, אָבער גע־רופן האָט מען אים „דער קיקער", בלשון סגי־נהור. ווייל געזען האָט ער נעבעך בלויז אויף איין אויג. מיט אַ זייטיקן קוק אַזוי. ביים עולם איז ער דערפאַר געווען אָנגענומען נאָר מיט זיין צונאָמען.

קינד און קייט, אַלט און יינג, האָבן געקענט דעם קיקער און שטיל ביי זיך אין האַרצן אים ליב געהאַט. דער קיקער פלעגט וועקן צום תהילים־זאָגן שבת פאַרטאָג און זיין קול האָט אָפגעהילכט איבער אַלע יידישע גאַסן און געסלעך:

ישראל עם קדושים,
קומו נא,
עורו נא,
התיצבו נא!

שטייט אויף,
שטייט אויף
לעבודת הבורא —
כי לכך נוצרתם!

ער האָט פאַרמאָגט אַ ריזיקע שטימע און וועקן פלעגט ער מיט דער העכסטער אָקטאַווע, מיט אַ ניגון אַ האַרציקן, פול מיט טרויער און טרייסט. פון וואַנען שטאַמט דער ניגון? ווער האָט אַזוי אייגנאַרטיק צענויפגעשטעלט די דערמאָנטע פסוקים, לשון־קודש און מאַמע־לשון אויסגעמישט — דאָס האָט קיינער נישט געקאָנט דערקלערן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן פון דורי־דורות... אַזוי צי אַזוי, אַלע האָבן עס געהאַלטן ווי זייער אייגנס, עטוואָס נאָענט און אינטים. אפילו די וואָס האָבן זיך ניט געקליבן גיין תהילים זאָגן אין בית־מדרש, גאַנץ פרי פאַרן דאַוונען שחרית, האָבן גערן זיך אויפגעכאַפט פון שלאָף און אויך אויפ־געוועקט זייערע קינדער, זיך צוהערן ווי דער אַלטער קיקער וועקט צו תהילים.

✶

פון וואָס האָט ר׳ יעקב־יצחק געצויגן חיונה פאַר זיך און פאַר זיין הויזגעזינד? — ער איז געווען דער אויפזעער אין בית־מרחץ. פלעגט קומען ערב־שבת — האָבן יידן זיך געאַיילט אין באָד אַריין לכבוד שבת, נאָך דער שווערער האָרעוואַניע אַ גאַנצע וואָך — און דער אַלטער בעדער האָט געטון פון זיין זייט אַלץ, אַז קהל זאָל זיין צופרידן. דער אויוון האָט געברענט. פון די שטיינער האָט געזעצט אַ פאַרע, פאַר אַלעמען זענען געווען אָנגעגרייט בעזימלעך מיט שעפעלעך, מ׳איז אַרויף אויף די הויכע טרעפ, זיך געשמיסן און געשוויצט. מ׳האָט זיך דערנאָך געטובל׳ט אין אַ קאַלטער מקווה — און מ׳האָט הנאה גע־האָט. אַלע זענען אַרויס פון מרחץ אַרומגע־וואַשענע, גערייניקטע — מיט גרויס דאַנק־באַרקייט דעם יעניקן וואָס האָט זיי מזכה גע־ווען מיט אַזאַ פאַרגעניגן לכבוד שבת.

„פאַר אַזאַ מרחק קומט אַ יישר־כּוח״ — האָבן געזאָגט די בעלי־בתּים. געמיינט האָט מען אים, דעם קיקער...

דער קיקער האָט געהערט און זיך געמאַכט ניט הערנדיק. אָבער די הנאה האָט געשיינט אויף זיין געזיכט. משמעות אַז אויך ער אַליין, ר׳ יעקב־יצחק, האָט אין דעם געזען מער מצוה ווי פּרנסה; דער איינגאַנג אין באָד האָט גע־קאָסט זייער וויניק, צוגענגליך פאַר אַלעמען...

✶

זיין דירה איז געווען צוגעבויט צום בית־מרחץ. פון דאָרטן האָבן בלויז איניקע טריט געפירט צום בית־מדרש, ווו ר׳ יעקב־יצחק איז געווען פון די שטענדיקע מתפללים. יעדע פרייע שעה פלעגט ער טאַקע זיך אַריינכאַפּן אין בית־מדרש זאָגן תהילים, אָדער אַריינקוקן אין „עין־יעקב״, צי גאָר לערנען אַ פּרק מש־ניות.

פלעגט קומען שבת אָדער יום־טוב איז ר׳ יעקב־יצחק געווען אויסגעטון פון אַלע וואָכע־דיקע ענינים, אַנגעצויגן אין דער שבת׳דיקער קאַפּאָטע — אַ נייער מענטש... אין די ימים נוראים האָט ער געדאַוונט אין אַ ווייסן קיטל, ווי אַלע יראים־ושלמים, אַריינגעטון אין מחזור מיט גרויס כוונה, באַהאַפטן מיט די עולמות עליונים...

דער ערב־שבת האָט זיך ביי אים אָנגע־הויבן שוין דאָנערשטיק: מ׳דאַרף דאָך ברענגען האָלץ, איינקויפן בעזימלעך און אָנהויבן באַ־צייטנס הייצן דעם גרויסן, ריזיקן אויוון פאַרן מרחץ, כדי פרייטיק אינדערפרי זאָלן מענטשן קומען צו אַלעם גרייטן. דאָנערשטיק און פרייטיק האָט ער געהאָרעוועט שעה׳ן לאַנג גאַנץ שווער — און דאָך, נישט געקוקט אויף זיין עלטער און מידקייט, אָפּגעהיט זיין מצוה — וועקן צום תהילים שבת פאַרטאָג: „שטייט אויף, שטייט אויף״...

✶

ער האָט געטון זיין הייליקע, פּריוועליקע פליכט שטענדיק, סיי זומער סיי ווינטער, סיי אין אַ רעגן סיי אין אַ ברענענדיקן פראָסט. ס׳האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן די גרעסטע זאַ־ווערוכע.

כ׳געדענק אַזאַ שבתדיקן פאַרטאָג. אין דרויסן וואָיעט און יאָמערט, נאָר אַ משוגענעם הונט אַרויסצולאָזן. ממש, ס׳עקט זיך די וועלט. איך טוליע זיך אונטער דער וואַרימער איבער־בעט. קוים וואָס איך שטעק אַרויס די נאָז. און אָט הער איך, צוזאַמען מיטן וואָיען פון ווינט זיין הויכע, זיסע שטימע: „ישראל עם קדושים — — — ״ ווי אַ זיסע וויג־ליד וואָס דרימלט מיך צוריק איין. צעגייט זיך אין אַלע אבֵרים.

ביז היינטיקן טאָג הער איך זיך איין אַ מאָל, שבת קאַיאָר, האַלב וואָך האַלב שלאָפנדיק, צו זיין געזאַנג, וואָס הילכט אָפּ אין מיינע אויערן ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ ווייטער, פאַרגאַנגענער וועלט...



# מיין זיידע דערציילט

# וועגן פשוטע יידן אין וואלין

רות ברענער
**תל־אביב (טאַרטשין)**

— היינט קומט צו פאָרן דער זיידע, פלעג אונדז אָנזאָגן די מאַמע, אַ פריילכע.

— היינט קומט צופאָרן דער זיידע, פלעגן מיר, קינדער, זיך איבערגעבן פריילכע איינער דעם צווייטן.

געהייסן האָט עס: דער זיידע פון לודמיר. על־פּי־רוב איז ער געקומען אום דאָנערשטיק אָדער פרייטיק: אַן אָנגעלעגטער אורח אויף שבת.

דער זיידע פון לודמיר איז געווען אַ הויכער, שיינער ייד, מיט גוטע, קלוגע אויגן און אַ פּיקחות׳דיקן שמייכל. זיין שוואַרצע באָרד האָט אָנגעהויבן זילבערן. אויפפירן פלעגט ער זיך ווי מ׳האָט געזאָגט אויף אים, „חסידיש־נגידיש״.

מיר, קינדער, האָבן ליב געהאַט דעם זיידן ניט ווייל ער איז געווען „נגידיש״. מיר האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיינע שיינע מעשיות וואָס ער פלעג אונדז דערציילן, צוגעפּאַסט פאַר יעדן פון אונדז, לויט זיין אַלטער.

איך האָב שוין דעמלט גוט געקאָנט לייענען און שרייבן. אויך יידיש. און עפּעס אַ באַזונדערער חוש האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דעם זיידנס מעשה׳לעך איז כדאַי צו פאַרשרייבן. האָב איך טאַקע מיט דער צייט אויסגעפילט מיט זיי עטלעכע העפטן. די שפּעטערע צייטן האָבן אָבער די העפטן ווי אַיינגעשלונגען. עפּעס איז מיר דאָך געבליבן אין זכרון. איצט וווּנדער איך זיך וואָס זיינע מעשיות, פאַר אונדז גרעסערע קינדער, זענען געווען שטענדיק מעשים שהיו פון יידישן לעבן אין אונדזערע מקומות, מערסטנטייל וועגן פּשוטע, געזונטע יידן.

## צוליב א קוישל בייגל

אין איין זייט פון ברייטן טראָטואַר פאַרן פוילישן קלויסטער אין לודמיר, אויף דער פאַרנע, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו האַנדלען. מ׳טאָר דאָרט גאָרניט קויפן אָדער פאַרקויפן. סיי יידן סיי גויים האָבן דאָס געוווּסט און זיך אָפּגעהיט פון אַן עבירה.

ויהי היום, און דאָס איז געווען אין אַ האַרבסטיקן, ווינטיקן פאַרנאַכט. דער ווינט האָט געשמיסן דעם קליינעם, שטעכיקן רעגן אין פּנים אַריין, האָט זיך פּלוצים דערהערט, ווי דערטראָגן פון ווינט, אַ האַרצרייסנדיק געוויין פון אַ יינגל, אין אמת׳ן נאָך אַ קינד. זיין געוויין איז געווען ווי אַן אָפּקלאַנג פון וואָיען פון ווינט. די ווייניקע דורכגייער זענען זיך צענויפגעלאָפן. אויפן טראָטואַר איז געלעגן אַ יידיש יינגל מיט צעריסענע שיך און אַ גרויסע היטל איבער די אויגן. אַרום אים האָט זיך געוואַלגערט אַ קוישל מיט צעשאָטענע בייגל. דאָס יינגל באַמיט זיך אויפשטיין כדי צענויפנעמען די בייגל, אוי־אוי, אַלע בייגל זענען נאַס געוואָרן... אָבער נאָך אַ מאָל זעט ער דאָס קוישל הענגען אין דער לופט אויף דער שפּיץ ביקס און פליט גלייך אַראָפּ. אויך נאָך אַ מאָל באַקומט ער אַ בריקע מיט דער פוס און פאַלט צוריק אַנידער:

— מיינע בייגל, מיינע בייגל!...

דער ניי־אָנגעקומענער, הויכוווקסיקער פּאָליציאַנט, פון די „פּאָזנאַנטשיקעס״, ווי מ׳האָט זיי דאַמאָלס גערופן, איז שוין אַריינגעפאַלן אין כעס. ס׳האָט זיך אין אים צעשפּילט די יוכע: וואָס הייסט אַ קליין זשידליאַקל האָט די העזה צענויפקלייבן די בייגל, ניט פרעגן ביי אים קיין דערלויבעניש, „פּסיאַ־קרעוו״ (אַ פּוילישע קללה: הינטיש בלוט) — און אַ זעץ מיט דער הילצערנער זייט פון ביקס שטילט אַיין דאָס געוויין.

מיט אַ מאָל איז דער טראָטואַר געוואָרן פול מיט מענטשן. יידן און ניט־יידן שטייען און קוקן זיך צו ווי דער הויכער, שטאַרקער

פאַליציאַנט גיט נאָך אַ מאָל אַ שטאַרקן שטופּ דאָס יינגל, מיט דער ביקס, וועלנדיק אים אַזוי אַרום אויפמונטערן. דאָס יינגל כאַפּט זיך טאַקע אויף און שרייט ווי פון שלאָף: „מיינע בייגל, כ׳האָב נאָך ניט באַצאָלט פאַר די בייגל!"

עטליכע גאַסן ווייטער, ביים איינגאַנג צום שול־פּלאַץ, פלעגן שטיין די יידישע טרעגערס און פורמאַנעס. אַ היים גייענדיק אין דער קאָוולער גאַס, ווו זיי האָבן אַממערסטן גע־ווינט, פלעגן זיי אַדורכגיין די פאַרנע.

איז גייען זיי אַזוי אַ היים אין רעגנדיקן פאַרנאַכט, און הערן פלוצים ווי דאָס יינגל קלאָגט „כ׳האָב נאָך ניט באַצאָלט פאַר די בייגל"...

— מיר וועלן אים שוין גלייך באַצאָלן! — רופן זיך אָפּ צוויי פון זיי. און כהרף־עין ווערט אַרויסגעכאַפּט און פאַרשווונדן די ביקס. גלאַנציקער דאַשעק און גלאַנציקע קנעפּ ווערן שנעל אַראָפּגעריסן פון נייעם מונדיר, און אַ פּאָר געזונטע קלעפּ לייגן אים גלייך אַוועק אויפן טראָטואַר ווי דאָס יינגל איז ערשט־דאָ געלעגן...

✶

אין שטאָט איז געווען אַ טומל. חושך. די פּאָליציי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז די מעשה פון צוויי יידישע טרעגערס, אָדער פורמאַנעס. אָבער ווער? דער „פּאָזנאַנטשיק" אַליין איז געווען אַ ניי אָנגעקומענער און קיינעם ניט געקאָנט. אויסער דעם איז ער גלייך געוואָרן פּרעטשמעליעט און גאַרניט געזען בעת־מעשה. מ׳האָט אַרעסטירט כמעט אַלע בעלי־עגלות און טרעגערס.

ס׳האָט זיך געפירט אַ פאַרצווייגטע אויס־פאָרשונג. טאָג און נאַכט. אָבער אָן שום דערפאָלג. קיינער פון די בעלי־עגלות האָט ניט געהערט און ניט געזען. און קיין זאַך האָט ניט געווירקט זיי זאָלן בייטן זייער מיי־נונג, ניט קיין צוגעזאָגטע גליקן, ניט קיין זיסע רייד און ניט קיין קלעפּ. אויך די דראָונגען, אַז מען וועט שליסן זייער טראַנ־ספּאָרט־פאַראיין, אַז מען וועט זיי ניט דער־לויבן מער שטיין אויף זייער פּלאַץ און אַנ־דערע דראָונגען, זענען געווען אַרויסגעוואָר־פענע רייד.

מ׳האָט אָנגענומען קעגן זיי סאַנקציעס. די שווערסטע שטראָף איז פאַרשטייט זיך געווען זייער אַרעסט, און דאָס הונגערן אין דער היים פון זייערע משפחות. אפשר אָן ברויט פאַר די קינדער און אָן אַ ביסל האָבער פאַר די פערד... קיין גבירים זענען זיי חלילה ניט געווען.

אַ היפּשע צייט זענען זיי געווען אַרעס־טירט ביזן משפט. און דאָס געריכט האָט פאַרמשפּט אַ 30 יידן, 4 וואָכן טורמע יעדן איינעם. אָבער יידן האָבן געשוויגן. „ניט גע־זען, ניט געהערט, ניט געווען אויפן פּלאַץ".

✶

ס׳האָט ווער אונטערגעהערט אַ געשפּרעך צווישן חיה־ביילע די טוקערן מיט איר מאַן חיים־יענקל בעל־עגלה, בעת איר באַזוכן אים אין טורמע.

— גזלן, וואָס זיצטו דאָ? כ׳האָב שוין פאַרזעצט דעם סאַמאָוואַר, די לייכטער און דיין שבת׳דיקע קאַפּאָטע אויך.

— ניט גענוג וואָס מיר אַליין האָבן ניט וואָס צו עסן האָסטו נאָך אונדז איבערגעלאָזן דיין „פּרעסער" (דיין פערד) אויך.

חיים־יענקל ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַלץ וואָס זי זאָגט איז אמת. אַז די קינדער האָבן ניט וואָס צו עסן, טוען זיך אָן אין שמאַטעס און אין שטוב איז קאַלט. איז שטייט ער און גלעט איר איבער די האָר, און רעדט צו איר זיס:

— גיי חיה־ביילעניו אַ היים, געפין און פאַרזעץ נאָך עפּעס. כ׳וועל מיט גאָטס הילף צוריקקומען אַ געזונטער און אַלץ אויסקויפן און צוריקצאָלן.

— זע חיה־ביילעניו — שרייט ער איר נאָך ביים אַוועקגיין — די קינדער זאָלן ניט הונגערן, און פאַרגעס אויך ניט קויפן אַ ביסל האָבער פאַרן „פּרעסער"...

זיי געזונט, חיה־ביילעניו..."

# א וואלינער שרייבער וואס איז כולו יידנטום

עזריאל אורי
רמת־גן (זוויהל)



דער ערשטער ליטעראַרישער דעביוט פון ש.צ. זצר „קולטורה עברית — קולטורה לאומית“, אַ ויכוח מיט ד״ר ש. בערנפעלד, איז געווען אינעם וואָכנבלאַט „הדור“, ערשטער יאָרגאַנג — תרס״א, רעדאַקטירט פון דוד פרישמן. דאָס אַרטיקל און זיינע ווייטערדיקע אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל וועגן ניטשע, שטירנער און האַרטמאַן האָבן אים שנעל פּאָפּולער געמאַכט. פרישמן וואָס האָט דעמלט געזוכט יוגנטליכע, שעפערישע כוחות, האָט זיך באַרימט מיט אים.

אַ באַזונדער ווירקונג האָט ער אויך געהאַט אויפן היינגן ראָמאַנטישן קרייז, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם יונגן מ. ז. פייערבערג אין דער חסידישער וואָלינער שטאָט זוויהל. זעצער גיט אונדז איבער אין זיינע זכרונות פון פייערבערגס תקופה וועגן די התלהבות׳דיקע ויכוחים גאַנצע טעג און נעכט אונטערן פרייען הימל אויף די ברעגן פון טייך סלוטש. איין ויכוח, „דער קאַמף פאַר שפינאָזען“, האָט זיך געצויגן 3 חדשים. ער האָט אָנגעגריפן שפינאָזען פאַר זיין גרינגשעצן דעם היסטאָרישן יידיש־רעליגיעזן קאַמף קעגן קריסטנטום, און פאַר זיין התנגדות צום רמב״ם, פון וועלכן ער האָט אַליין אַ סך געלערנט און נאָך מער פאַר זיין מבטל מאַכן דעם ווערט פון „זוהר“ וואָס זעצער האָט אין אים געזען אַ זעלטענע גייסטיקע דערשיינונג וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אַ צווייטער גרויסער ויכוח איז געווען וועגן „גייסטיקן צענטער“ פון אחד העם און די ליטעראַרישע גרעניצן פון „צורך ויכולת“ אין אונדזער ליטעראַרישער שאַפונג. די מערהייט פון דעם קרייז איז געווען באַצויבערט פון אחד העם׳ס לאָגישע אויספירונגען פון קלאַסישן סטיל, זענען געשטאַנען מיט אים אין ענגן קאָנטאַקט און ער האָט זיי גערופן „בני ציון היקרים“. נאָר זעצער איז געווען, יד אחת מיט בערדיטשעווסקיס קרייז, פאַר פאַרברייטערן די גרעניצן מיט אַלע גייסטיקע וועלטליכע ווערטן פון שיינהייט און פילאָזאָפיע. אים האָט אויך געצויגן דער וועג פון גרויסן ציוניזם וואָס זאָל לעזן אַלע אָנגעווייטיקטע יידישע פּראָבלעמען און ניט נאָר היטן דעם „יש“ און גייסטיקע ווערטן. אינעם ויכוח צווישן אחד העם און מאַקס נאָרדוי איז ער געווען אויף נאָרדויס זייט. אַ חסיד פון „געזונטע מוסקולן“. (יענע שטורמישע תקופה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר האָט אויך באַפרוכפּערט דעם ראָמאַנטישן גייסט פון יונגן פייערבערג, וואָס האָט געווירקט מיט זיין שאַפן אין אַלע אויפוואַכנדע קרייזן, בתי מדרשים און אין די ענגע געסלעך פון זוויהל אויך נאָך זיין פריצייטיקן טויט. זיין גייסטיקער יורש איז געווען זעצער).

די ויכוחים האָבן זיך ווייטער געפירט, מיט מער טעמפּעראַמענט, אויף די רעוואָלוציאָנערע בירזשעס. זיי האָבן זיך קריסטאַליזירט נאָכן אויסברוך פון דער 2־טער רוסישער רעוואָלוציע נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. זיי האָבן געווירקט אויף ציוניסטן און אפילו ניט־ציוניסטן עולה זיין קיין ארץ ישראל „בויען דעם מזרח אויף נייע יסודות“ לויט נחמנ׳ס רוף אין פייערבערגס „לאָן ?“.

ש. צ. זעצער האָט ממשיך געווען זיין וועג ווען ער איז אויך אַריבער ווינען אין דער נאָענטער שטאָט זשיטאָמיר און געשריבן אַ סך, אונטער פאַרשידענע פסעוודאָנימס אין דער העברעאישער און יידישער פּרעסע. געווען אויך אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין אָרגאַניזירן דעם „זעלבסטשוץ" און געווען אַ חסיד פון „בדם ואש יהודה נפלה — בדם ואש יהודה תקום". ער האָט באַשיצט דעם דעמלט אָנגעגריפענעם רוסישן סטודענט בעלינאָוו פאַר זיין באַשיצן יידן. ס'האָט זיך אפילו פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'האָט זעצערן גע'הרגט און מ'האָט אים מספּיד געווען.

ער אי אַריבער קיין וואַרשע און אַריינגעטראָטן אין דער רעדאקציע פון „הצפירה". שפּעטער האָט ער אויך רעדאקטירט די ליטעראַרישע ביילאַגע פון דער צייטונג. דערנאָך אי ער באַשטימט געוואָרן הויפּט רעדאַקטאָר פון דער דעמלטיקער יידיש טעגליכער צייטונג אין וואַרשע — „דער טעלעגראַף".

אין 1912 האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע און געוואָלט דאָרט שאַפן אַן אייגענע ליטעראַרישע אויסגאַבע „תחיה" (רענעסאַנס). ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ גרויסער קעגנערשאַפט דוקא פון דעם העברעאישן קרייז „אחיעבר" — פון וועלכן ער האָט דערוואַרט מיטהילף. „אחיעבר" האָט דעמלט שוין אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם העברעאישן וואָכנשריפט „התרן", רעדאַקטירט פון ראובן ברײַנין, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ שפּאַלטונג אין זייער קליינער מחנה. דער שטרייט האָט זיך צעפלאַקערט טראָץ דער פאַרמיטלונג פון נחום סאָקאָלאָוו, וואָס האָט באַרעכטיקט זעצער'ס אַרבעט.

זעצער איז געוואָרן אַנטוישט און ער איז אַריבער אין דער אַלגעמיינער יידישער פּרעסע. דאָס האָט אים ניט געשטערט אַרויסגעבן אויך זיין אייגענע אויסגאַבע „דאָס וואָרט" און פון צייט צו צייט אויך זיינע קליינע העברעאישע העפטלעך „אהלים".

זעצער האָט זיך אָנגעהויבן אַריינלאָזן אין זיין „אייגן ווענטל". אין די טיפענישן פון דער יידישער מיסטעריע, זוהר און קבלה, ווי אויך אין רמב"ם, ר' יהודה הלוי און ר' חסדאי קראשקעש, און אין די גרונט־פּרינציפּן פון דער הלכה. ס'באַערשט אים דער דורשט זיך פאַרטיפן אין „גרויסן ים" פון יידישער פילזייטיקייט און ער ווערט אַן אייגנאַרטיקער „פּרוש" ווי אין דער גאָר ניט ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

ווי זיין עלטערער חבר מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וואָס האָט אויפגעגעבן זיינע חלומות וועגן מאָדערנער אייראָפּעישער קולטור־שאַפונג און זיך פאַרטיפט אין די אַלטע יידישע קוואַלן, אגדות און מיסטעריען, פאַרטיפט זיך אויך זעצער אין די קוואַלן פון חסידות, בעש"ט, ר' נחמן בראַסלאַווער, זוהר און קבלה — און ער שעפּט פון זייערע קוואַלן, כדי אויפדעקן נייע. גייסטיקע אוצרות, און ער ווערט פון זיי באַגייסטערט. פון זייער טיפע לאָגיק און קלאָרקייט. ער נעמט אויף זיך קלאָר מאַכן דאָס אַלץ פאַרן ברייטן יידישן עולם, פאַר „עמך", אין אַ פּאָפּולערער פאָרם, אין זיינע העפטלעך, „זעצערלעך", ווי מע האָט זיי גערופן אין די פאָלקס קרייזן וועלכע זאַמלען זיך דערנאָך צענויף אין קאָמפּאַקטע ביכער וועגן פאַרשידענע תקופות אין דער יידישער געשיכטע, אַנטשטייונג פון קריסטנטום, הלכה און אגדה, קבלה און זוהר, חסידות. גלייכצייטיק שרייבט ער אויך עסייען וועגן גרויסע מענטשן, קינסטלער, שרייבער און געזעלשאַפטלעכע פּאָליטישע טוער.

ער שרייבט אויך וועגן אַלע אַקטועלע לעבנס־פראַגן פון זיין צייט, ווערט אָפטמאָל דערציטערט פון דער אַרומיקער מיאוסקייט וואָס פאַרדאַרבט אונדזער לעבן, וואָרנט און לאָזט אונדז ניט זונקען אין דער טומאה.

מיר שטייען אָפטמאָל פאַרוווּנדערט פון זיין עקשנות צו בלייבן פאַרשלאָסן אין זיין פּרושדיקן ווינקל, פון זיין גרויסער התמדה אין לערנען, פון זיין פילזייטיקער שאַפונג. דאָך, דאַכט זיך, אַז טראָץ זיינע פיל שאַפונגען האָט ער ניט באַוויזן זיך אינגאַנצן אויסקריסטאַליזירן. ער האָט ווי אַנטפּלעקט נאָר איין טייל פון זיין נשמה און טאַלאַנט. אפשר דערפון נעמט זיך זיין שטענדיקער געראַנגל מיט זיין אַרומיקער סביבה. ס'ניט לייכט אַריינדרינגען

אין זיינע נסתרות. אַ סך מאָל זענען זיינע שמו־עסן, שיחות שבעל פה, אַפּאַריזמען א. אז. וו. רייכער פון געוויסע שאַפונגען זיינע, באַזונ־דערס אין זיינע לעצטע יאָרן.

טיף איז געווען זיין חלום קומען קיין יש־ראל און זיך דאָ איינוואָרצלען. ער האָט אָבער מורא געהאַט טאָמער וועט ער זיך אָפּטרייסלען פון זיין אַרבעט, טאָמער וועט ער זיך מיט דעם אָפּרייסן פון זיין אינערליכער וועלט און אייגנ־אַרטיק לעבן, אין וועלכע ער האָט זיך אָפּגע־גרעניצט און פאַרשלאָסן.

די לעצטע צוויי יאָר איז ער זייער קראַנק געווען. דעמלט האָט ער זיך אָנגענומען מיט כוח אויספירן זיין שטענדיקן ווילן — טראָץ אַלע הזהרות פון זיינע אַרצטן און זיך אַרויס־געריסן קיין ישראל. ווען מיר האָבן אים גע־האָלפן אַראָפּגיין פון שיף און ער האָט געזען פאַר זיך די המונים, וואָס האָבן באַגעגנט נייע עולים, דאָס רעש׳דיקע, לעבעדיקע ישראל, איז ער געווען פאַרשיכורט פונעם גענוס און פאַר־גניגן, וואָס זיין קומען קיין ישראל האָט אים פאַרשאַפט. „איך בין גליקליך, האָט ער געשרי־בן, שפּאַצירן איבער די גאַסן פון חיפה, צו־פיסנס דעם כרמל, אין תל־אביב און בפרט אין ירושלים, וואָס האָט פאַרכאַפּט דיין האַרץ אין ערשטן מאָמענט וואָס דו דערזעסט איר. דיינע אויערן הערן, דאַכט זיך, עפּעס אַ מיסטישן סוד; דיינע פאַרכישופטע אויגן זעען פאַר זיך נביאים, מלכים און גיבורים — שוועבן אין דער לופט אַרום. איך בלייב אָפט שטיין און פרעג זיך אַליין פאַרוואָס האָב איך דערצו זוכה גע־ווען... איך האָב שוין לאַנג ניט געפילט אַזאַ גוואַלדיקן דורשט נאָך אַרבעט, צו לערנען און שרייבן, ווי אין ישראל״.

אָבער ער האָט שוין לאַנג ניט געקאָנט זיך ווייטער קאָנצענטרירן אין זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען וועלכע ער האָט נאָך געטראָגן אין זיך, אָבער ניט פאַרמאָגט מער דעם פיזישן כוח דאָס אַרויסברענגען אויף פּאַפּיר.

ש. צ. זעצער

## ווי א שאטן

ווי אַ שאָטן גיי איך צווישן אַייך אַרום.
ווי אַ שאָטן וואָס זעט אַלצדינג און ווייסט
און טוט אַייך אַלעס נאָך
און האָט קיין פאַרלאַנג און קיין באַגער.

ווי אַ שאָטן גיי איך צווישן אַייך אַרום.
איך זע אויס ווי איר און כ׳רעד ווי איר.
דאָך ניט צו אייך באַלאַנג איך מער;
איך בין אַ שאָטן, נאָר אַ שאָטן, גאָרניט מער.

ווי אַ שאָטן גיי איך צווישן אַייך אַרום
און בין פרעמד פון אַייך ווי ווער.
ווי אַ שאָטן גיי איך צווישן אַייך אַרום
און בין איינס מיט אַייך, ווי ער.

# יוגנט־חברים

## אליהו מאנדעל
**תל־אביב (קאָוועל)**

בילדלעך קליינע, פאַרגעלבטע, אַ ביסל אָפּ־געריבענע. די צייט האָט אירע פּרעסערישע ציינער. אויף דער צווייטער זייט — חברישע אויפשריפטן אויף „אַלע פיר שפּראַכן": יידיש, העברעיש, רוסיש, פּויליש. אַלע שרייבן בערך דאָס זעלבע: „צום אייביקן אָנדענק". איצט קלינגט עס כמעט ווי אַ שרעקליכע נבואה: כמעט אַלע זענען אַוועק אין דער אייביקייט...

געקומען זענען זיי ווער פון „חדר", ווער פון ישיבה, ווער פון דער רוסישער און ווער פון דער פּוילישער שולע. ווי פון זיך אַליין האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן חלומות און אי־דעען פון אַ נייער צוקונפט, העט־ווייט ווו די זון שיינט און „צעדער קושן זיך מיט די וואָלקנס"...

עלטערן זענען ניט מסכים געווען. די מער־הייט האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס הייסט אַן „אידעען־קאַמף". און אַזוי איז די מלחמה געווען אויף צוויי פראָנטן — אויך אין שטוב.

אָבער די יוגנט האָט קיינמאָל דעם קאַמף ניט אויפגעגעבן. זיך מקריב געווען פאַר אַן אידעע. אָבער לײדער האָבן נאָר ווייניק זוכה געווען זייער ציל צו דערגרייכן.

## יידעלע

אַזוי האָט מען אים גערופן. געהייסן האָט ער יודל גאַלפּערין.

פון דער פריסטער יוגנט אָן איז ווי אַן האָרב געליגן אויף זיינע שוואַכע, דאַרע פּלייצעס אַן עלטערע מאַמע מיט צוויי שוועס־טער און אַ געוועלב פון קיך־געשיר וואָס ער האָט געדאַרפט באַאַרבעטן און אויך לערנען אין גימנאַזיע. דאָך האָט יידעלע געפונען שטענדיק צייט זיך אָפּגעבן מיט יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציעס: צוערשט הצופים און דערנאָך השומר הצעיר און גלייכצייטיק אויך אין ספּאָרט קלוב חשמונאים און געווען אַ פאַרשטייער פון השומר הצעיר אין פאַרשידענע קולטור און יוגנט אַנשטאַלטן.

דער פּיקער, אַרבעטזאַמער יידעלע האָט זיך שנעל דערוואָרבן אַ נאָמען אין גאַנץ וואָלין. ער איז געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר און אַ גוטער רעדנער. אין דער צענטראַלע אין וואַרשע האָט מען אים ריכטיק אָפּגע־שאַצט.

ווען איך בין עולה געווען האָט מיך יידעלע באַגלייט קיין וואַרשע. וואַרטנדיק אויפן אָנקו־מען פון צוג האָט ער מיט מיר איינגעטענהט וועגן חוב פון די עולים דאָרטן, פאַר זייערע איבערגעבליבענע חברים דאָ. פאַרן איינשטייגן האָט ער אַ זאָג־געטון:

— דו זעסט, דיר איז די זאַך געלונגען. מיר, זאָגט דאָס האַרץ, אַז איך וועל דערצו ניט דערגרייכן.

מיר האָבן זיך ביידע קוים איינגעהאלטן פון וויינען.

דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט דעם אמת...

## אדאלף

אַדאָלף ראָזענצווייג. די פאַמיליע איז אָנ־געפאָרן קיין קאָוועל פון דייטשלאַנד. „דייטשן" זינט דורות־לאַנג.

ביי זיי אין הויז איז שטענדיק געווען שאַ־שטיל. „דורכאויס רויק". מיר פלעגן שטענדיק גיין דאָרט אויף די שפּיץ־פינגער.

די מאַמע, אַן עלטערע, מיטלוווקסיקע פרוי, האָט אויסגעזען ממש ווי אַ דייטשקע. דער טאַטע — אַ שיינער ייד מיט אַ ווייס, אַרומ־געשוירן בערדל. מיט אַ קליינע יאַרמלקע אויף אַ שיינעם, ווייסן קאָפּ. מיר האָבן קיינ־מאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ קליין יאַרמעלקעלע האַלט זיך אויפן קאָפּ. גערעדט האָט מען אין שטוב נאָר דייטש.

אָבער אַדאָלף האָט זיך גאַנץ שנעל צוגע־פאַסט צו אונדז, וואָלינער, פּראָווינציעלער קינדער און געוואָרן איינער פון אונדז. גאָר אין גיכן איז ער געוואָרן אויך איינער א י ־ ב ע ר אונדז. ער האָט פאַרמאָגט איינגעבוי־רענע אייגנשאַפטן פון אַן אָנפירער, אַ מנהיג. אין שולע. אין קן. אויף דער גאַס.

אַדאָלף איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געפרווט עולה זיין, אומלעגאַל, קיין „ארץ". ביי דער טשעכישער גרעניץ האָט מען אים געכאַפּט און צוריקגעשיקט. ס'איז אים ניט געגאַנגען.

ער האָט זיך קיינמאָל ניט מיאש געווען. ער האָט געמאכט נאָך פאַרשידענע פּרוּוון עולה זיין, אָבער ס'איז אים קיינמאָל ניט געגאַנגען. ער איז שטענדיק צוריקגעקומען.

נאָר פון זיין לעצטן וועג איז אים ניט גע־לונגען צוריקקומען...

## ייִצעלע

ווען ייִצעלע אַטלאַס פלעג אַרויפגיין אויף דער בינע, ביי אונדז אין קן אויף אַ „ליטע־ראַרישן אָוונט" אין די פּרייטיק־צו־נאַכט'סן, האָט ער אפילו ניט באַדאַרפט עפענען דאָס מויל — דער „עולם" האָט זיך שוין געקייקלט פון געלעכטער, ווייל געווען איז ער אַ בחורל אַ דאַרינקער, אַן הויכינקער, מיט אַ פּאָר פּענסנע, וואָס זענען קיינמאָל ניט בשלום געווען מיט דער נאָז, און אַ דאַר העלדזל, איינגעצויגן מיט אַ פּאַרצעלייען קאָלנערל, און אַ בינדע אויך. שוין דעמלט האָבן מיר עס גערופן „אַ הערינג".

אָט שטייט ער אויף דער בינע און לייענט מיט כלומרשטן פּאַטאָס זיין אייגענע „פּאָ־עזיע":

„...און דער הימל, באַשאָטן מיט קימל
כאַפּט אַ דרימל.
און אויף דער ערד, שטאַרק פאַרקלערט
שטייט אַ פערד".

און ווייזט אָן אויף זיך. איז ווער האָט זיך געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער? בפרט ווען ער האָט געלייענט הומאָרעסקעס פון באַוווּס־טע הומאָריסטן.

ניט שטענדיק איז אונדז, יידישע יוגנט דעמלט, געווען פויגלדיק אויפן האַרצן. אָבער ווען ייִצעלע איז געווען מיט אונדז, האָבן מיר פאַרגעסן פון אַלע צרות.

אים אַליין האָבן, צום סוף, די צרות ניט אויסגעמיטן...

## מאָניק

מאָניק גילדוואָרג איז געווען ווי געקנאָטן פון אַ באַזונדערן חומר. אַ שטילער, איינגע־האַלטענער. זעלטן־ווען אַ שמייכל געטון. ערנסט. אָבער איבערגעגעבן און שטענדיק אויסגעפּירט אַלץ וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפ־געלייגט. מאָניק האָט געהאַט פון וועמען צו לערנען. ס'געווען ביי זיי אַ שטוב אַזאַ, סיי זיין טאַטע, סיי זיין מאַמע זענען געווען ציר־ניסטישע טוערס.

אין ווינטערדיקע, שנייִיקע אָונטן, ווען מיר פלעגן זיך צענויפקומען ביי די גילד־וואָרגס אין הויז, האָט אונדז באַהערשט אַ מין נשמה־יתרה־געפיל. אַ גרויסער צימער מיט אַ לאַנגן טיש. דער טאַטע איז געזעסן אויבן אָן. מיר אַלע אַרום טיש ממש ווי דערוואַק־סענע מענטשן. די מאַמע האָט געוווּסט מיט וואָס יעדער פון אונדז פאַרנעמט זיך אין און־דזער אָרגאַניזאַציאָנעלער און געזעלשאַפטלי־כער אַרבעט. מיר האָבן געפּילט, אַז מיר ווערן אָפּגעשאַצט. אַז מיר טוען אויך עפּעס וויכטיקס, דער עיקר, די מאַמע גילדוואָרג אַליין אַכט אונדז זייער.

און געוועבט האָט זיך אַ לעגענדע, אַז אָט די שיינע שטוב, מיט אונדז אַלעמען צו־זאַמען, וועט זיך אַ מאָל אַריבערפירן אַהינצו. אין לאַנד פון אונדזערע חלומות, און דאָרט וועלן מיר ממשיך זיין אָן אַ סוף.

אָבער, ווי אין אַ סך לעגענדעס, איז אויך אָט די שיינע שטוב, מיט אירע איינוווינער, אַרויף אין די ווייטע הויכקייטן.

## פּיר שוועסטער

פּיר שוועסטער זענען זיי געווען. נאָר איינע פון זיי איז געלונגען צו זיין דאָ מיט אונדז. דריי זענען געבליבן אין קאָוועל. פון די דריי איז מיר פאַרבליבן, אין בילד און אין זכרון — חוה. חוה האָט געהערט צו אונדזער טרוי־מער־קרייז. געשפּינט צוזאַמען אין דער שטיל און אויף אַ קול דעם גאָלדענעם חלום. געווען איז זי שיין, און שלאַנק, און יינג. מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר און הימל־בלויע אויגן —

# באַרג אַראָף

ישעיהו קיפּניס
לאָס־אַנדזשעלעס (ראָוונע)

## (פון די דערציילונגען פון יענע טעג)

דער הימל איז געווען העל־בלוי און די לאָנקע אונטן גרין און וואַרעם. כ׳האָב נישט געפילט אַז ס׳זענען מיר אָנגעוואַקסן פליגל, אָבער כ׳בין געפלויגן גאַנץ הויך. שוין לאַנג אַז כ׳האָב ניט געזען אַזאַ שיינעם חלום. אין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך געוווּסט אַז ס׳ניט מער ווי אַ חלום, אָבער כ׳האָב געוואָלט דער חלום זאָל זיך ניט איבעררייסן. האָב איך אָבער געפילט ווי עמיצער גלעט מיך מיין האַנט און מורמלט שטיל אין מיין אויער: „שטיי אויף, יינגעלע, ס׳איז ערב ראש־השנה, מיר וועלן העלפן דער באָבען מאַכן יומטוב...״

כ׳האָב אויפגעמאַכט איין אויג. דאָס צווייטע אויג האָט נאָך געזוכט דעם ראָזן חלום. נעבן מיר איז געשטאַנען מיין זיידע אין טלית און תפילין און גוטמוטיק געשמייכלט. ווי זיין טבע איז געווען. זעענדיק מיין אויפגעעפנט אויג האָט ער אויפגעעפנט אַ לאָדן און ווען איך האָב אויפגעעפנט דאָס צווייטע אויג האָט ער שמייכלענדיק אויפגעעפנט דעם צווייטן לאָדן.

שיינע, גאָלדענע קאָלירן פון דער אויפגייענדיקער זון זענען אַריינגעפלאָסן אין צימער. נאָך שאַרפערע און רייצנדיקע פאַרבן האָבן זיך געהוידעט אויפן קוימען פון אליהו שפּריצ׳ס הויז, קעגנאיבער.

כ׳בין גלייך אַראָפּ פון געלעגער. מיין באָבע איז געשטאַנען אין קיך און די אַרבעט האָט געברענט אין אירע מיט טייג־פאַרפאַטשקעטע הענט. זי האָט מיט גרויס חשיבות און וויסן געפלאָכטן אַ גרויסן קוילעטש.

— וואָס האָסטו ליב אַ פינפפלעכטיקן צו אַ זיבנפלעכטיקן?

כ׳האָב לאַכנדיק איר געזאָגט אַ גוט־מאָרגן און זיך געאײַלט צו דער וואַסשיסל. אַנגענומען די קוואָרט — אָבער דאָס פעסל איז געווען ליידיק. אָן שהיות האָב איך גענומען צוויי העמער און זיך געלאָזט גיין צום ברונעם נעבן שמעון דעם סטאָליאַרס הויז. גאַנצע דריי הייזער פון אונדז.

אין גאָס זענען געשטאַנען מענטשן אין רעדלעך און אַרומגערעדט די שווערע לאַגע. לייזער דער קצב איז געזעסן אויף אַ באַנק און מיכל סטאָליאַר, דער שטענדיקער עצה־געבער, האָט אין אים אַריינגעטענהט און אים אויפגעוויזן ווי גערעכט ער איז. די מערהייט עולם האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. לייזער האָט עפּעס געטענהט וועגן פּוילישן אייביקן אַנטיסעמיטיזם. עמיצער האָט דערמאָנט דעם שטייגער־פּראָצעס אין 1962 אין לעמבערג; אַ צווייטער האָט געבראַכט אַ ראיה פון מיאוסן פּשיטיקער פּראָצעס, פון די בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס פון פּוילישע סטודענטן וואָס האָבן אכזריות׳דיק געמאָרדעט יידישע חברים־סטודענטן ווייסנדיק אַז די פּוילישע רעגירונג און קאַטוילישע קרייזן מאַכן זיך ניט זעענדיק.

דער ויכוח איז געוואָרן אַלץ לעבעדיקער. אָבער ראָוונער יידן האָבן ליב תכלית: וואָס וועט פּאַניע טון? וועט ער לאָזן היטלערן אַריין אין זיינע גרעניצן, אַ?״ — און מ׳איז זיך צעגאַנגען הערן ראַדיאָ.

דאָס וואַשן זיך האָט לאַנג ניט געדויערט. כ׳בין שוין געווען כמעט יומטוב׳דיק אָנגעטון. די באָבע האָט דערלאַנגט דעם זיידן — וואָס איז שוין געזעסן אויסגעפּוצט אין שיינע שוואַרצע און דערצו גוט ווי אַ מלאך. שטענדיק געשמייכלט און געווען פריילעך, אפילו ווען מיר האָבן געוווּסט אַז ס׳איז איר ניט אַזוי אַי־אַי... שטענדיק האָט זי צוגעגעבן מיט איר אָנוועזנהייט אַ חשק צו לעבן און דערגרייכן.

ווער ווייסט? אפשר דאַרפן מיר זיך טאַקי קלאַפּן על חטא. אפשר איז טאַקי יידעלע גערעכט געווען. אונדזער חוב איז געווען צו טון פאַר די דאָרטן־געבליבענע — און געטון האָבן מיר ווייניק. מער גערעדט ווי געטון...

חוה און אירע שוועסטער און אַלע חברים זענען געבליבן אין קאָוועל אויף אייביק.

✶

מיט אַ קורצער צייט צוריק פלעג איך, אין מיין פריערער צייט, זיצן איבער מיין פּאָסט־מאַרקעס זאַמלונג, איבער מיין חנוכה־לעמפּ־לעך־זאַמלונג, איבער מיינע ביכער זאַמלונג וועגן אַלטע יידישע שולן אין גאָר דער וועלט. איצט, בין איך זיך מודה, זיץ איך מער און קוק אויף בילדלעך פון אַמאָל. אָבער חלילה, קיינער זאָל ניט זען. ניט שטענדיק האַלט זיך אַיין אַ טרער, און ווי פּאַסט עס עפּעס, פאַר אַ מאַנסביל, איך בעט אייך, ווישן בפרהסיא טרערן פון די אויגן?

הויזן און אַ שניי־ווייסע העמד, די זיידענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ — אַ גלאָז טיי מיט ציטרין, פרישגעבאַקענע גרויסע צימרינג־קיכלעך און יאַגאָדע־פלאָדן זענען שוין געשטאַנען גרייט, גאַנץ אַפּעטיטלעך, אויפן טיש.

ביז כ׳בין געווען גרייט זיך זעצן צום טיש און עפּעס טועם זיין האָט דער זיידע געטרונקען די דריטע גלאָז טיי. דער סאַמאָוואַר האָט פאַרשטייט זיך געזונגען. די טיי איז געווען קאָכעדיק־הייס, אַז ניט, האָט ער ניט געוואָלט טרינקען. איך האָב זיך טאַקע מיטן ערשטן זופּ אָפּגעבריט די ליפּן. אָבער כ׳האָב באַלד פאַרגעסן. אַ שטאַרקער זעץ פון דער פאַל האָט אונדז גלייך אויפגעהויבן פון די ערטער. דאָס גאַנצע הויז האָט אַ ציטערגעטון, ווי ביי אַנ׳ערד־ציטערניש. בלאַסע און דערשראָקענע האָבן מיר זיך איבערגעקוקט. מיר האָבן זיך אַנגענומען מוט אַרויסגיין זען וואָס ס׳קומט פאָר.

עפּעס אַ מאָדנע געפיל באַהערשט דיך ווען דו זעסט, דאָס ערשטע מאָל אין דיין לעבן, ווי מ׳באָמבאַרדירט אַ שטאָט. אָט זע איך ווי אַ באָמבע טרעפט גרשון וויניקס הויז. די גאַנצע לאַנטשנע גאַס איז פול מיט רויך און שטויב. סימעס טאָכטער פירט מען אַ פאַרבלוטיקטע אין יידישן שפּיטאָל. מענטשן לויפן ווי ווילדע ניט ווויסנדיק וווהין און דרוקן זייערע קליינע קינדערלעך צום ברוסט. ווייסן ניט ווו זיך צו באַהאַלטן. אַ צווייטע באָמבע פאַלט אויף שפּיטאָלנע. כ׳זע ווי אַ מידל פאַלט אַראָפּ פון אַ בוידעם און פאַרפליט דריי הייזער ווייטער. דאָס הויז פאַלט ווי אַן אונטערגעשניטענער בוים. ס׳זענען דאָ געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. פינף דייטשישע, זילבערנע פויגל קרייזן פריי אַרום איבער דער שטאָט און מאַכן אַן חורבות. מ׳גיט זיך איבער פון מויל־צו־אויער:

— דער וואָקזאַל איז שוין מער ניטאָ בכלל.

— עטלעכע פוילישע באַטאַלינען וואָס זענען דאָרט געווען — אַ טייל דערהרגעט, אַלע אַנדערע זיך צעלאָפן.

— אַ באָמבע האָט אויפגעריסן צוויי וואַגאָנען געווער.

כ׳פאַרזוך אַרומשפּרייזן איבער גאַסן. כ׳באַגעגן באַקאַנטע, יינגוואַרג. פאַרזאָרגטע, פאַרדאַגה׳טע. ראָוונער פריילעכע יידישע יוגנט האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט שמייכלען, לאַכן. באַבערדיקטע יידן, מיט אַש־גרויע פּנימער און שווערע געמיטער לאָזן זיך גיין אין בתי מדרשים, טראָגנדיק סידורים און מחזורים. היינט וועלן זיי זיך קלאַפּן על־חטא פאַרן רבונו־של־עולם פאַר זייערע שווערע זינד. זיי קרעכצן שוין גייענדיק איז גאַס.

כ׳האָב באַשלאָסן באַזוכן מאָרגן וואָס מער בתי־מדרשים. געוויס וועלן יידן דאַווענען אַנדערש ווי געוויינלעך. אוי, וועלן יידישע ווייבער ייינען! וועלן מענער אויך וויינען? כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ס׳מיר געגאַנגען אין לעבן טרעפן צו וועלן מענער וויינען, צו ניט.

אַלע שולן אַן אויסנאָם זיינען געווען געפּאַקט מיט מתפּללים. אומעטום, ווען דער חזן האָט געזאָגט ונתנה תוקף, האָט מען געקאָנט הערן העט־ווייט אין דרויסן אַן האַרצרייסנדיקן געוויין. אויף פאַרשידענע אָקטאַוון, טענער און שטימעס.

✶

אין יענע מלחמה׳דיקע נעכט איז דער שלאָף געווען ביי אונדז אַלעמען ווי ביי אַ הינדל. מ׳האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. פול שלאָפלאָזיקייט פלעג דער זיידע אויפשטיין אין מיטן נאַכט און אַריינקוקן אין אַ ספר. די באָבע האָט אונטערגעקרעכצט אַז מיר זאָלן ני הערן און איך האָב אַ סך מאָל אַריינגעקלערט אין דעם ווי אַזוי דאַרף די מענטשהייט מלחמה האַלטן קעגן מלחמות, און אפשר איז עס בכלל אַן אוטאָפּיע, אַ זאַך וואָס מיר וועלן קיינמאָל, קיינמאָל ניט דערגרייכן.

אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָבן מיר געהערט אַ שווער קלאַפּן אין טיר. מיר זיינען פאַרציטערטע אויפגעשטאַנען פון די בעטן. אפשר זיינען דאָס דייטשן? ערשט נעכטן האָבן זיי זיך געשלאָגן ביי וואַרשע, אָבער ווער קאָן וויסן, אפשר האָבן פאַראַשוטיסטן זייערע געלאַנדעט אין ראָוונע? דער זיידע האָט פאַרזיכטיק, מיט ציטערנדיקע הענט געעפנט די טיר. פאַר אונדז איז געשטאַנען אונדזער שכן אברהם פעט. אַ צעשטראָלטער און שמייכלדיקער האָט ער אונדז מבשר געווען, אַז נאָר וואָס האָט ער געהערט אין ראַדיאָ אַז די רוסן קומען. זיי זיינען שוין ביי קאָרעץ. לויט זיינע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען וועט די רוסישע אַרמיי זיין 2 אַ זייגער אין שטאָט.

מיר האָבן זיך געכאַפּט קושן און כמעט געגאַנגען אַ טענצל פאַר פרייד. ווער מיר פרישטיק, וואָס מיר עסן. כ׳האָב הענדום־פּענדום זיך געלאָזן אין גאַס. מחנות מענטשן האָבן אָנגעפילט די הויפּטגאַס מקבל פּנים זיין די חשובע געסט. נייגעריקע ביז גאָר האָט מען זיך געפרעגט און געענטפערט:

— ווער וועט קומען צוערשט, די פּיעכאָטע צו בודיאָניס קאַוואַלעריע?

— וואס גייען אים די פערד אין קאפ ? ווער רייט עס עפעס היינטיקע צייטן אויף פערד ? מ'זאגט אז זיי פארן אויף טאנקן...

— אפשר אויף הילצערנע ?

מיט אמאל האבן זיך מענטשן פונאנדערגעטיילט אויף פעסימיסטן און אפטימיסטן. אבער ניט די יוגנט. זיי האבן געטראגן רויטע בענדער אויף די ארעמס, מאכנדיק אן איינדרוק אז די שטאט איז זייערע און זיי זיינען באלעבאטים. אט האט זיך געשאפן א היפשע דעלעגאציע מקבל־פנים זיין דעם גרויסן באפרייער. אז ערגעץ־ווו אין ווארקוטא אדער קאראגאנדסק אין טיף רוסלאנד עקזיסטירן און ווארטן אויף זיי צוואנגס־לאגערן, האט קיין איינער פון זיי ניט געוווסט אין יענעם טאג.

די ערשטע באפרייער האבן זיך באוויזן ערשט 3 נאך מיטיק. אברהם פעט קאן מען ניט אוועקמאכן אינגאנצן מיט דער האנט... דאס איז געווען א מחנה שווער־טרעטנדיקע, ארעמ־געקליידעטע, באוואקסענע און ניט קיין געוואשענע סאלדאטן. אבער מיט א מידן, גוטמוטיקן בליק אין די אויגן. מ'האט זיך געטיילט מיט זיי מיט פאפיראסן און טאבאק. די הונגעריקע רוסן האבן זיך געטיילט מיטן עולם מיט זייערע טרוקענע סוכארקעס. דאס האט אונדז געמאכט מלא שמחה. איך האבן געזען איינעם, מיט, דוכט זיך, א ידיש פנים און א ידישע נאז. כ'בין אים נאכגעלאפן און אים אריינגעשריגן א יישר כוח. ער האט מיר געענטפערט מיט א פארוויינטן שמע ישראל... ממש ווי אין געוויסע ידישע דערציילונגען.

דער שטראם פון סאלדאטן האט זיך געשטארקט. זיי האבן אנגעהויבן גיין אן אויפהער. א גאנצע נאכט און א גאנצן טאג. ווי די שטערן אין הימל. אן א צאל. מיט שווער און לייכט געווער. מ'איז געגאנגען אנטקעגן דעם בלוטדורשטיקן שונא דייטש.

*

מ'האט אנגעהויבן מאכן געשעפטן. ידן און גוים צוזאמען. ס'ארויס א באפעל, אז אלע געשעפטן זאלן געעפנט ווערן. א פרייער האנדל ! רובל און זלאטע — איין ווערט. רוסן האבן געקויפט וואס ס'האט זיך נאר געלאזן. סאלדאטן און ציווילע רוסישע באאמטע האבן געטראגן מיט זיך גאנצע זעק מיט רוסישע רובלס. געצאלט יעדע פרייז. אפיצירן האבן אנגעפילט לאסט־אויטאס מיט מאנופאקטור און זיי געשיקט א היים, קיין רוסלאנד.

כ'גיי פארביי די גרויסע געשעפטן. פעטרושקעס, גאמ'ס, וואגמייסטערס. אלץ אויסגע־לידיקט ! גאלדענע געשעפטן מיט די רוסן האבן געמאכט זייגער־מאכערס. צירונג און זייגערס זיינען אויסגכאפט געווארן אין משך פון עטליכע שעה. כ'האב געהערט א זייגערמאכער דערציילן, אז נאכדעם ווי אלץ איז אויספארקויפט געווארן, זיינען געקומען צו אים רוסן מיט בודילניקעס (וועקזייגער) אין דער האנט און זיך געבעטן מאכן פון זיי עטליכע האנטזייגערלעך. געווען גרייט צו צאלן וויפל מ'וויל.

מיט די געשעפטן האט זיך צעבליט אויך די רוסישע תורה. רוסן האבן געשאפן פארשידענע ארגאניזאציעס און אנגעהויבן אויפקלערן דעם „נארישן עולם" די אידייען פון מארקס, לענין און סטאלין. טעג און נעכט זיינען אפגעהאלטן געווארן מיטינגען אויף פארשידענע ערטער אין שטאט. די קינאס זיינען געווען געפאקט. פארוואס טאקי ניט, אז דער איינגאנג קאסט ניט קיין צעבראכענעם פירער. אלץ אומזיסט. פראפאגאנדע־קולטור, פונקט ווי דאס רוסישע געלט — פולע זעק !

גאנץ שנעל האט זיך די רויטע מאכט פיין באפעסטיקט אין שטאט. אלץ איז מיט א מאל רוסיפיצירט געווארן. אין איין שיינעם טאג האבן מענטשן דערזען אז דער האניק־חודש האט זיך אויסגעלאזט. געענדיקט. די געשעפטן זיינען אינגאנצן געווארן אויסגעלידיקט. ראוונע האט באקומען א פנים פון אלע אנדערע רוסישע שטעט, כדומה־למשל ווי אויך זי וואלט אדורכגעמאכט די רוסישע רעוואלוציע. באקאנטע פנימער פון באליבטע, חשובע באלעבאטים אין שטאט זיינען ביסלעכווייז פארשוווגדן געווארן. יונגווארג האט מען גערופן צום מיליטער און צוגעקומענע ידן פון אנדערע שטעט, וואס זיינען אנטלאפן פון דייטש, האט מען שטילערהייד אין דער פינצטערער נאכט ארויסגעפירט אין לאסט־וואגאנעס, פארפאקטע, ווי מ'פירט בהמות, אין ווייטן קאלטן אוראל, אין סטעפעס און וועלדער. דיר מערהייט האט זיך ניט צוריקגעקערט. נאך היינט זע איך די זעקלעך ביינער, וואס האבן אויפגעהאלטן זייער שוואכן ארגאניזם. וויפל פון זיי האבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין מיינע ארעמס ?

יא. כ'בין געווען איינער פון זיי. ניט וויסנדיק פארוואס און פארוועו בין איך אוועקגעריסן געווארן פון די ארעמס פון מיין זיידע און באבע אין איינער א פינצטערער נאכט — אויף אייביק.

כ׳שטיי אין וואַגאָן היינג־געפּאַקט ווי אַ בהמה. עפּעס באַהערשט מיך אַן אַפּאַטישע פוסטקייט, ביז צו אַן האַרץ־קלעמעניש און רחמנות אויף זיך אַליין. דער ווינט בלאָזט און די רעדער קלאַפּן צו מיט זייער ריטמישן טאַקט: ראָוונע. ניטאָ מער ראָוונע. באָבע־זיידע. ניטאָ מער באָבע־זיידע. ניטאָ. ניטאָ. שוין מער ניטאָ. ניטאָ.

*

מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק פון הענער. ווער ס׳האָט נאָר „גאָט אין האַרצן״ שלאָגט מיט אונדז כפּרות. ניט אַנדערש, נאָר דער רבונו־של־עולם נעמט אויף די תפילות פון די כפּרה־שלעגער. מחנות־מחנות יידן ווערן געפירט צו דער שחיטה. פאַרוואָס האָבן אונדז אַלע פרומע גוים אַזוי שטאַרק פיינט? עד היום הזה. שטענדיק האָבן זיי אונדז געשלאָגן אין נאָמען פון גאָט און הייליקע. און אידעאַלן.

מיך האָט גאָט געשלאָגן נאָר מיט איין האַנט. כ׳האָב זוכה געווען הערן די גוטע בשורה, אַז מיינע עלטערן און שוועסטער זיינען לעבן געבליבן. אַ גוטער מלאך האָט זיי געפירט אויפן וועג פון לעבן. אין הונגער און נויט, קראַנקהייטן און קאַטאָרזשנע אַרבעט האָבן זיי דורכגעמאכט די שווערע מלחמה־יאָרן אין די וויסטע סטעפּעס פון קאַלטן קאַזאַכסטאַן. בייטאָג אין די שווערע קעלטן מיט די בהמות אין די פעלדער און ביינאַכט, אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע אין די קאַלטע, שטיקנדיקע ליימענע קעלערס, אַזוי־גערופענע כאַלופּעס.

מיין פאָטער איז קראַנק געוואָרן אויף די לונגען, אָבער ניט קוקנדיק דערויף האָט מען אויף אים אַרויפגעצויגן אַ מין אַלטן, מיליטערישן מונדיר. נאָך 2 וואָכן שווערע איבונגען האָט מען אים געשיקט אויפן פראָנט. אין דייטשישן גיהנם־פייער. טראָץ אַלעמען, זיינען דאַמאָלט געשען אויך נסים, ווייל אַנדערש איז ניט צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער איז לעבן געבליבן. אויסער די „נאַטירלעכע״ קראַנקהייט איז ער אויך פינף מאָל שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. היינט שטעלט זיך פאָר מיין שמחה ווען איך האָב דערלעבט אים זען אַ לעבעדיקן און געזונטן אין מיינע אָרעמס.

*

ס׳געווען אַ פּראַסטיקער, טרוקענער ווינטער. פון יענע ווינטערס אין אוקראַיינע וואָס פאַרהאַרטעווען ביז הויכן סקריפּן דעם שניי און פאַרכאַפּן דעם אָטעם. די לופט איז קלאָר און ריין. דער רויך שלענגלט זיך נאָך אַלץ פון קוימענס. פענצטער־שויבן זיינען באַדעקט מיט ווייסע, פראָסטיקע בלומען. אין יענע גוטע צייטן פלעגן מיר אין אַזעלכע טעג דינגען פערד־און־שליטנס און „פליען״ באַגלייט פון פריילעכן גלעקלעך־געקלאַנג אויף די פעלדס העלדזוער. פון אַזאַ פאָרן פלעגן מיר צוריקקומען קרעפטיקע, ענערגישע און מיט אַן אונגעהויערן גרויסן אַפּעטיט...

אַנגעטון אַ בושלאַט און וואַטענע הויזן, מיט אַ פּשוט רענצל עסנוואַרג אין האַנט, שטיי איך מיט מיין מאַמען און שוועסטער אויפן זשיטאָמירער וואָקזאַל און וואַרט אומגעדולדיק אויפן אָנקומען פון באַן. מיין מוטער און שוועסטער נעמען מיך פעסט אַרום און טרערן רינען פון זייערע אויגן.

— מאַמעלע, גלעט איך און קוש איר, וואָס עפּעס האָסטו אַזוי מורא? וווהין פאָר איך דען? ראָוונע איז ניט ווייט. אין עטליכע טעג אַרום קום איך צוריק. מער וועלן מיר זיך שוין קיינמאָל ניט שיידן. אַ־יאָ, מאַמע? אָבער כ׳מוז פאָרן זען צו ס׳עפּעס־וואָס פאַרבליבן. אפשר, דאָך...

אַ גרויסער, סאָפּנדיקער לאָקאָמאָטיוו איז אָנגעקומען מיט אַ רוישיקן פייף. אַ גרויסע צאָל וואַגאָנען האָבן זיך געשלענגלט ווי אַ לאַנגע באַשעפעניש. מיר האָבן ווי אויפגעציטערט. מאַמע און שוועסטער האָבן אויפגעהערט וויינען. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט מיר דווקא מיט חנ׳ודיק שמייכלען און לאַכן.

די וואַגאָנען זיינען געווען קוים־קוים באַלויכטן. אָבער ס׳האָט זיך געפילט אַ וואַרימקייט. כ׳האָב אויסגעזוכט אַ באַקוועם ווינקל. דאָס שאָקלען זיך פון וואַגאָן האָט מיך געמאַכט האַלב־שלאָפנדיק. זיסע ניגונים פון אונדזער גרויסן גראַמאָפאָן אין דער מאַמעס אַלטער היים האָבן זיך געזונגען טיף אין מיר, כדומה־למשל ווי דאָס וואָלט געווען אַ וויג־ליד. אָן אַלטע פלאַטע האָט זיך אין מיר פלוצים צעשפּילט אויף אַ קול:

**כ׳וויל ניט מער זיין קיין גר**
**ווי איך בין געווען ביז אַהער.**
**כ׳פאָר אַ היים, איך פאָר אַ היים...**

אַז אָך און וויי!

— פערעסיאַדקאַ!

דער קאָנדוקטאָר האָט מיר הויך אַרײַנגעשריגן אין אויער אַרײַן און מיך אַ היפּשן טרייסל געטון. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן זדאַלבונאָווער וואָקזאַל. 12 קילאָמעטער פון ראָוונע. מ׳דאַרף בייטן דעם צוג.

זדאַלבונאָוו האָ אויסגעזען רואינירט און פאַרברענט. די סימנים פון בלוטיקע שלאַכטן האָט מען געזען אויף יעדן טריט־און־שריט. אין די אַלע לאַנגע שעהן וואָס איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין די חרובע גאַסן און אויפן וואָקזאַל, וואַרטנדיק אויף אַ צוג, האָב איך קיין ייִדיש פּנים ניט געזען.

ענדליך פאָר איך ווייטער. אָט שנייט דער צוג אַדורך דוואָרעץ. אַ קליין דערפל. פון ווייטנס איז שוין צו זען די קאָנטורן פון ראָוונע. כ׳זע שוין קלאָר דעם גרויסן קאָסציאָל (קלויסטער) מיט די הויכע קאָפּולן, רויט געפאַרבט. דער קוימען פון פּיסיוק׳ס ביר־פאַבריק ווייזט געניי דעם וועג צו דער וואָליע.

דער צוג לויפט מיט אימפּעט אַדורך די שטאָט. עפּעס האָבן די רעדער אָנגעהויבן הויכער קלאַפּן. אויך אין האַרצן טיאַקקעט. וועל איך זוכה זיין זען אייגענע, באַקאַנטע, חברים? כ׳פאַר דאָך אַ היים...

דער שיינער, גרויסער וואָקזאַל איז ניט מער ווי בערגלעך צונויפגעקליבענע שטיינער, שילדלעך און וואַרנונגען מיט דער אויפשריפט „אָסטראָזשנאָ" (פאָרזיכטיק). דורך אַ שמאָלן שטעג באַצויגן מיט ברעטער האָבן זיך די רייזנדיקע געלאָזן גיין אין שטאָט.

כ׳גיי אויף דער קאָלעיאָווער. זאָל דאָס זיין ראָוונע? כ׳גיי און בלאָנדזשע. כ׳דערקען ניט די שטאָט. איז דאָך מיר יעדעס שטיינדעלע דאָ באַקאַנט געווען. געקאַנט אַלע איינוווינער ביי זייערע נעמען. איצט איז אַלץ פרעמד. אונבאַקאַנט. איז׳ס אפשר אַן אַנדער שטאָט? אָבער ניין. ס׳איז מיין אַלטע שטאָט. כ׳האָב עטליכע סימנים. גאַנץ ראָוונע זעט אויס ווי אַן אַלטער, אָפּגעברענטער בוים.

פון דער קאָלעיאָווע קאָן איך איצט אַדורכשניידן ביז האַנדליאָווע, צום ברום. אַ מאָל זענען דאָרטן געשטאַנען שיינע געביידעס. פיינע, גרויסע געוועלבער. איצט איז דאָ איין גרויסער בית־עולם. כ׳דערקען פון דערווייטנס אַ שכנה מיט אירע צוויי טעכטער. בתיה ריימאַן די בעקערן. מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי און טרערן אין די אויגן וואַרפן מיר זיך איינער אין צווייטנס אָרעמס. זי לאָזט מיך ניט אָפּ. נעמט צו מיין רענצל און פירט מיך מיט זיך.

צעטומלט און פאַרצווייפלט האָב איך זיך געשלעפּט אויף צו־מאָרגן, מיט אַ שווער געמיט, באַרג־אַרויף אויף דער וואָליע. ס׳געווען אַ שיינער זוניקער טאָג. די קאַלטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך געבראָכן אין ווייסן, בלאַנקענדיקן שניי, אַז ס׳שווער געווען קוקן אויף־פאַראויס. אָבער מיט פאַרבונדענע אויגן וואָלט איך דאָך געטראָפן אין מיין זיידנס הויז. די וואָליע איז געווען וויניקער צעשעדיקט. עטליכע פאַרברענטע הייזער. מיין זיידנס שול האָט מער ניט עקזיסטירט. פון העלערס גימנאַזיע איז געבליבן אַ באַרג שטיינער.

דורך דער שפּיטאָלנע פאַרדריי איך זיך, אויף פּשיכאָדניע. און לינקס — אויף לאַנטשנע. די גאַס ווו כ׳בין אויפגעצויגן געוואָרן. פאַרבראַכט מיינע קינדער און יוגנט־יאָרן. הייזער זענען געשטאַנען ליידיקע. די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. פון עטלעכע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט פּנימער, שרעקליך־אומבאַקאַנטע. ניט קיין ייִדישע. ניין. ניטאָ מער לייזער קצב, מיכל סטאָליאַר. מ׳זעט ניט מער רעדלעך באַקאַנטע, „פאַרלאַמענטן", ליבע געזיכטער וואָס האָבן באַלעבט די גאַס.

ניט געהאַט קיין האַרץ אַרײַנגיין אין מיין זיידנס הויז. כ׳האָב זיך שווער אָוועקגעזעצט אויף די טרעפּ ביים אַרײַנגאַנג און הייסע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. כ׳האָב געוויינט אויפן ביטערן גורל פון מיין באָבע־זיידע. פון די איינוווינער פון מיין גאָס.

יענער טאָג איז געווען פּורים. כ׳האָב געזען ווי דער זיידע קערט זיך אום פון שול מיט דער מגילה אין האַנט און לייענט אויף אַ קול פאַר אַ גרויסן עולם, ביי זיך אין הויז. כ׳בין מיט מיינע אַלע טייערע ביי אַ ווייס־געדעקטן טיש און צוזאַמען האָבן מיר געגעסן וואַרימע המן־טאַשן, מאַנדלעך מיט האָניק און רויטע פּאָמעראַנצן.

אָבער היינט איז ניט פּורים. היינט איז גאָר תשעה באב. און מיט אַ מאָל זע איך מיין באָבען זיצן אויף אַ נידריק פיס־ביינקעלע און זאָגט, שאָקלענדיק זיך קינות. איכה ישבה בדד. מיט פאַרוויינטע אויגן קלאָגט זי אויפן חורבן בית המקדש. כ׳הער איר אויסזינגען אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. לא עליכם כל עוברי דרך. הביטו וראו אם יש מכאוב כמכאובי... ממרום שלח אש בעצמותי... זי האָט פאַרשטאַנען וואָס זי לייענט.

## וואָלינער יזכור־ספרים

שעיה שיכאַטאָוו
לאָס אַנדזשעלעס (ראָוונע)

# זוויהיל (נאָוואָגראַד־וואָלינסק)

**יזכור־בוך אַרויסגעגעבן דורך דעם זוויהילער פֿאַרבאַנד אין ישראל, יאָר 1957. 356 ז. העברעיש; 232 ז. יידיש.**

זוויהיל איז אין די יאָרן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע רואינירט געוואָרן, בעת די יאָרן 1918—19 פון פּאָגראָמען און טיפוס עפּידעמיע. די יידישע באַפעלקערונג איז גענצלעך אומגעבראַכט געוואָרן בעת דעם היטלער חורבן אין די יאָרן 1941/42. די שוועריקייטן ביים צוזאַמענשטעלן דעם יזכור־בוך זענען געקומען הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס די זוויהילער לאַנדסלייט זענען פון דער שטאָט אָפּגעריסן אין פאַרלויף פון 36 יאָר, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט זיך דעריבער איינגעגעבן צו זאַמלען די נויטיקע מאַטעריאַלן. אַן אוצר פון מאַטעריאַלן.

לויט דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע ווערט די שטאָט זוויהיל צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין יאָר 1257. די שטאָט האָט יאָרן לאַנג געהערט צום לוצקער פּאָוויאַט. אין יאָר 1796 איז די שטאָט געוועזן אַ ראַיאָן־צענטער (אויעזד) און דער נאָמען איז פאַרענדערט געוואָרן אויף נאָוואָגראַד־וואָלינסק. אין יאָר 1860 ווערט פאַרצייכנט די די דאָמינירנדע ראָל וואָס די יידן האָבן געשפּילט דעמלט אין שטאָט איןווירטשאַפטלעכן לעבן. אין דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1897 זענען שוין געווען אין שטאָט 9378 יידן, און 7536 ניט־יידן.

די גרויסע שול געבויט אין די יאָרן 1680—1700 איז געווען פון די עלטסטע געביידעס און די שענסטע אין שטאָט.

די יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין שטאָט האָט זיך געשטאַרקט אין דעם פּעריאָד פון דער מלחמה מיט יאַפּאַן אין יאָר 1904 און אין דעם פּעריאָד פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905. יידישע אַרבעטער האָבן זיך דעמלט קאָנצענטרירט אַרום דעם בונד אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר טאַרגאָוועץ און מ. אַלגין. אין יענעם פּעריאָד האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן די גוט באַקאַנטע „פּאָליטישע ביר־זשעס״. ס׳האָבן עקזיסטירט אין שטאָט קרייזלעך פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן.

נאָך דער רעוואָלוציע זענען געקומען כוואַ־ליעס פון קאָנטררעוואָלוציע, אין אַפּריל 1905 איז אין נאָענטן זשיטאָמיר פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. די פּאָגראָם כוואַליע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער הונדערטער שטעט און שטעטלעך.

אין דעם זעלבן פּעריאָד איז קיין זוויהיל אַריבער די ישיבה „אור תורה״, מיט דער צייט איז די ישיבה געוואָרן אַ צענטראַלע פאַר גאַנץ וואָלין. פון דער ישיבה זענען אַרויס תלמידים־חכמים, ליטעראַטן און כלל טוער, איייניקע אפילו צענ־טראַלע ציוניסטישע און רעוואָלוציאָנערע טוער. אָנגעפירט מיט דער ישיבה האָט דער באַוווסטער זוויהילער עילוי, ר׳ יואל שאַרין.

---

צו בין איך איינגעשלאָפן? אַ שטאַרקער כח האָ מיך מיט אַ מאָל אויפגעריסן פון אָרט. אַ שטאַרקער ווילן האָט מיך געשטופּט גיין ווייטער. פאָראויס. העט־דאָרטן, באַרג־אַרויף, אַנטלויפן, אַנטלויפן. אַנטלויפן. — — —

✶

פאַר מיין אָפּפאָרן פון ראָוונע, פון דער ליבער־פאַרשאָלטענער שטאָט, האָב איך זיך געלאָזט גיין אויף קבר־אבות. וואַרפן אַ בליק אויף די קברים ווו ס׳ליגן אייגענע און טייערע. דער וועג איז געווען אַ שווערער, אַ ווייטער. דורך דער הויפּט־גאַס בין איך געגאַנגען באַרג־אַרויף, דורך ליובאָמירסקי׳ס גאָרטן און שטאָטישער תפיסה. דער הויכער שניי האָט געהאַמפּט מיין וועג. דער פראָסט האָט געציפּט נאָז און אויערן. אָבער ס׳האָט מיר ניט געאַרט. ס׳האָט מיך ניט אָפּגעשטעלט. כ׳בין געגאַנגען אויפן וועג ווו ס׳זיינען געגאַנגען ראָוונער יידן צו דער שחיטה. משפחות־ווייז. גאַנצע גאַסן. כ׳האָב ניט געפילט ווי כ׳הויב אָן לויפן. כ׳בין געלאָפן אויפן וועג פון זייערע און מיינע יסורים. מיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט געשרייען און געוויין. קללות פון עלטערע און געוויין פון קינדער. אָט זע איך, באַרג אַרויף, אויפן ווייסן שניי, ווייסע בלעטער פון אַ גרויסן ספר זכרונות. אַ ריזיקע האַנט שרייבט אין אים און שרייבט מיט אותיות פון צעזוניקטע שטראַלן. כ׳זע ניט קיין קברים. כ׳זע קאָנטורן פון גאָלדענע געביידעס וואָס פאַלן אַראָפּ פון הימל אין בלאַנקענדיקן שניי. העט, אין זוניקן האָריזאָנט. מאָסן מענטשן ציען זיך אַהין. גייען טאַנצנדיק. כ׳וויל זיי דעריאָגן. זוניקע שטראַלן ווי גלאַנצנדיקע שפּיזן האַלטן מיך אָפּ. כ׳גליטש זיך אויס און פאַל מאַדנע אום, מיטן פּנים אין שניי.

די יידן זענען געווען די הויפט־בויער פון דער שטאט און זיי האבן מיט זייער ענערגיע און איניציאטיוו אנטוויקלט איר האנדל און קליין־אינדוסטרי. די געאגראפישע לאגע פון דער שטאט, וועלכע איז געווען א וועג קיין בריסק און פון דער צווייטער זייט — קיין בערדיטשעוו־קיעוו, האט באווירקט צו איר אנטוויקלונג. אין פעריאד פון יאר 1912 ווערט פארצייכנט דאס אנשטיין פון די ציוניסטישע יוגנט קרייזלעך.

מיטן אויפברויז פון דער רעוואלוציע אין פרילינג יאר 1917 האט זיך אנגעהויבן פילן אין שטאט גאר א נייער גייסט. א גרופע פון ציוניסטישע טוער האבן געשאפן א געזעלשאפטלעכע באוועגונג, ס'האבן זיך אויפסניי ארגאניזירט יונגע קרייזן פון צעירי־ציון, אוונט־קורסן פאר ארבעטער און יוגנט, ס'איז געפירט געווארן א קאמף פאר העברעאיש אין די שולן; ס'האט זיך געפירט א קאמף בעת די וואלן פאר א דעמאקראטישער יידישער קהילה. א באדייטנדער טייל פון דער יידישער יוגנט איז געווען אקטיוו אין פארשידענע צווייגן פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג ווי פועלי ציון, צעירי ציון, און אלגעמיינע ציוניסטישע קרייזן.

זוויהיל איז די געבוירנשטאט פון גרויסן העברעישן דערציילער מרדכי־זאב פייערבערג; פון באוווסטן שריפטשטעלער און קריטיקער ש. צ. זעצער; פון א פיינעם העברעישן דיכטער, יחיאל רברבי — פארשיקט דורך די סאוויעטן און אומגעקומען אין סיביר — א חבר פון זלמן שזר, איצט פרעזידענט פון מדינת ישראל; יידישער שריפטשטעלער שמואל מילער און אנדערע. אויך יצחק למדן האט געלעבט א צייט אין זוויהיל. וועגן פייערבערגן ווערט פארעפנטלעכט א בילד, זכרונות און מעטעריאל, וואס איז נאך אין ערגעץ קיינמאל ניט פארעפנטליכט געווארן.

זוויהיל האט אויך ארויסגעגעבן באוווסטע רבנים און לומדים, ווי דער שוין דערמאנטער עילוי, דער באוווסטער רב און דיין, אב־בית־דין הרב משה־שמואל שדה־לבן, ר' מרדכילע, ר' שלמה'לע, די דיינים ר' אלתר און ר' ישעיה־פישל א. א., וואס זענען געווען מפורסם צווישן רבנים און לומדים.

אין ווייטערדיקן פעריאד אין קאמף פאר מאכט אויף אוקראינע איז זוויהיל פארנומען געווארן דורך די דייטשן, וועלכע האבן איינגעשטעלט דעם רעזשים פון סקאראפאדסקי. אין משך פון אלע יארן נאך דער רעוואלוציע 1917, טראץ די אפטע טוישונגען פון די מאכט ארגאנען, האט זיך אויף אוקראינע אנטוויקלט א פארצווייגטע יידיש־געזעלשאפלעכע ארבעט מיט א מיניסטעריום פאר יידישע ענינים; עס זענען געגרינדעט געווארן פיל עקאנאמישע און קאאפעראטיווע אנשטאלטן, ס'איז געשאפן געווארן די תרבות באוועגונג, ווייטער איז געקומען א פרישע כוואליע פון פאגראמען אויף יידן אין אוקראינע.

מיטן באפעסטיקן זיך פון דער פוילישער מאכט האבן די יידן אין זוויהיל גענאסן פון הילף פון ווארשעווער הילפס־קאמיטעט, ווייטער איז געקומען די הילף פון דזשוינט, ס'זענען געגרינדעט געווארן געזעלשאפטלעכע קיכן, יתומים־הייזער, א שפיטאל א. א. אנשטאלטן. אין ווייטערדיקע פאליטישע אנטוויקלונגען איז די שטאט איבערגעגעבן געווארן צו דער סאוועטנמאכט. א גרויסער טייל יידן זענען אוועק קיין ראוונע און ווייטער, אויף דער ברייטער וועלט. א טייל — קיין ארץ ישראל. מיט די פארבליבענע יידן אין זוויהיל איז איבערגעריסן געווארן דער קאנטאקט.

אין יזכור־בוך זענען רעפרעזענטירט אויך א רייע שטעטלעך ארום זוויהיל.

אפהאנדלונגען פון א רייע יידן אין זוויהיל און אומגעגנט, אויך אזעלכע, וואס זענען אויף פארשידענע אופנים געווען פארבונדן מיט דער שטאט; יידן וואס זענען געפאלן אין באפרייאונגס־קריג פאר מדינת ישראל אין יאר תש"ח.



פארטיזאן „דיאדיא מישא"

אין בוך זענען דא צוויי נאטיצן פון משה גינדעלמאן, דער באקאנטער פארטיזאנער בימי היטלער, אונטערן פסעוודאנים „דיאדיא מישא", וועגן די פארטיזאנער גרופן פון „דיאדיא מישא" שרייבט אויך מ. כהנוביץ.

אין יזכור־בוך געפונען זיך א גרעסערע צאל בילדער, וואס שפיגלען אפ דאס יידישע געזעלשאפטלעכע לעבן אין זוויהיל און אין אומגעגנט.



יצחק למדן
מלינעוו (רמת־גן)
(1900 — 1955)

# רעפלעקסיע

אויפס'ניי גיי אויף, אָ וואַלד פאַרזונקענער, אַט בין איך.
אַלץ וואָס פון דיין גאָב אין מיר פאַרבליבן איז
ברענג איך איצט צו דיר.
עפן אויף די קריגלעד פון דיין ביימער־זאַנפט המשומר,
איך בין אינגאַנצן ב ע כ ע ר.
און אויב ער צעשפּאַלטן איז — וואָס גייט'ס אָן ?
בויג אָן און גיס !
אָ ! האַרפן פון שפּיץ־ביימער, שפּילן שאָקלעניש,
שטורעם־סטרונעס און פון רויקייט.
אויפס'ניי האָט מיך פאַרשיכורט אייער זאַנפטנוויין וואָס טריפט —
שפּילט אויף ! כ'בין אויפ'סניי אַייך גרייט צו הערן
ביז ס'זאָל אויסגיין מיר דאָס חיות !

יענער קאַשטאַן־בוים. דער עלטסטער אינעם גאָרטן פון מיין טאַטנס הויז.
הויכוויקסיק. גרויסשאָטנדיק. צעצווייגט.
אין שטורעם־ווינטן אויסגעשטאַנען פיל —
ער שטייט שוין דאָרט ניט מער. שוין פון לאַנג ניטאָ.
פאַרשניטן איז דער בוים. ווי ס'האָט פאַרשניטן
יענע האַנט, פאַרשאָלטענע,
יעדער לעבנס־בוים וואָס ליב און טייער איז.

יעדער פלאַנץ וואָס אויפגעכאָוועט איז אין צער.
איז אָפּגעהאַקט דער בוים געוואָרן, צי געוואָרן אויסגעריסן ?
סיי־ווי־סיי. ס׳איז מיר קלאָר : ער איז ניטאָ — —

אָבער כ׳זע אים, אָט, אויפס׳ניי, אין זיין גאַנצן הויך און גרינס.
כ׳זע אים ווי געווען ער איז אין יענע טעג :
בן־מלך אינעם גאָרטן־מלכות און זיין פּראַכט.
טראָגט הויך זיין שפּיצנקרוין.
אויסגעפּוצט מיט פּערל טוי גינגאָלדענע
צעטרייסלט ער זיין שווערע בלעטער־גריווע.
כ׳זע אויך דאָס : אין זיין געדיכטענעש,
ווי אין שויס פון הויכקייטן און וואַד־טורעם פאַרבאָרגענער
באַהאַלט זיך אויס א קינד.
סודעט שטיל זיך מיט גאָטס ווונדער און מיט דער וועלט.
הערט זיך צו צום קלאַפּן פונעם האַרץ פון שטילקייט.
צום שוועבן־טאַנצן פון די שמעטערלינגען.
צום פינגער־שפּרינגען וואָס מע זעט ניט
פון דער לייכטער האַנט פון ווינט
וואָס בלעטערט־מישט אין געדיכענעש פון צווייגן
און קנייפּט מיט שפּינוועבס־ליכט, צעצויגענע.
און אויג־אויף־אויג פאַרווונדערט און צעשראָקן
קוקט ער אין וואָס הויכער־פון־פאַרשטיין,
אין צו־פיל־אום־אויפצונעמען,
אין אין־סוף פון אייביקייט — —

שאַ. ער האָט אין ציטערנעש זיך אויפגעטרייסלט.
צי האָב איך אים געשטערט ? ער קוקט
אַראָפּ צו מיר פון זיין הויך־גשטעל
ווי אויף אַ פרעמדן גאָר וואָס רייסט זיך פּלוצלינג
אין זיין הייליקייט אַריין —

ער קוקט אַזוי אויף מיר און איך אויף אים.
גאָט מיינער, דאָס בין איך דאָך  א י ד ! — —

ייִדיש : **נתן ליבנה**

# אין וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל

אין די לעצטע מאָנאַטן ווערט געפירט אין פאַרבאַנד אַן אינטענסיווע אַרבעט: אַרום אַרויס־ענדיקן דעם „היכל"; יזכור־אַלבאָמען; טרויער־און אזכרה־אָוונטן; קולטור־אַרבעט; ביבליאָטעק־איינריכטונג. אַז. וו.

## היכל יהדות ווהלין

מע קאָן זאָגן, אַז מיר האָבן זוכה געווען און דער „היכל" איז שוין אויסגעענדיקט, אויסער צוויי זאַלן: די פּאַראַייביקונג־זאַל און גרויסע פאַרזאַמלונג־זאַל, וואָס וואַרטן נאָך אויף זייער אינערליכן אויסענדיקן.

צו דעם צוועק ווערן אָרגאַניזירט אַלע היגע וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן און ס'ווערט געפירט אַ נייע זאַמלונג־אַקציע. מיר האָפן אַז זי וועט זיך ענדיקן מיט דערפאָלג.

דערווייל קומען שוין פאַר אין היכל די הזכ־רות נאָך פאַרשידענע וואָלינער קהילות און ס'הויבן זיך דאָרט אָן אָפטערע באַזוכן.

## טרויער־אָוונטן

אין זאַל א.נ. פון אריה אבטיחי ז"ל זענען פאָרגעקומען לעצטנס טרויער־אָוונטן צום אָנ־דענק פון טאַניא טשעקווער ז"ל און פון צבי בערגער ז"ל. גענויע פּרטים וועגן די אָוונטן זע אין העברעישן ילקוט נומער 29.

## סטיפּענדיעס־פאַרטיילונג פון טשעקווער־פאָנד

דעם 18־טן יוני 1970 איז פאָרגעקומען אין אבטיחי־זאַל אין היכל, אַ פייערליכער אָוונט פאַר לערן־סטיפּענדיעס פאַרטיילונג פון טשעקווער־פאָנד וואָס נעבן וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד, אין דער אָנוועזנהייט פון פיל וואָלינער געסט, שילער און לערער פון שולעס, וואָס האָבן אַ־אַפּטירט וואָלינער קהילות. מיט וואַרימע ווערטער און אָפּשאַצונג פאַרן פאָנד זענען אויפגעטראָטן שולע־דירעקטאָר ה' אברהם גל; פאָרזיצער פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד אדוו. זלמן ראָזאָווסקי; נאמנים פון פאָנד ה"ה ח. חזנוואַלד, א. דלוגאַטש, א. בוסתן, ה' לעאָ טשעקווער און שטאָט־פּרעזידענט פון גב־עתיים ה' קובאַ קרייזמאַן, וואָס האָט געלויבט דעם געדאַנק און ווילן פון ה' טשעקווער און וואָלינער פאַרבאַנד לייסטן אַזאַ דערציערישע און נוצליכע טעטיקייט, און מודיע געווען, אַז דער שטאָט־ראַט האָט באַשלאָסן פלאַנצן ביימער אין וואַלד אין גבעתיים אויפן נאָמען פון ה' לעאָ און זיין זעליגער פרוי טאַניאַ טשעקווער ז"ל. אַלס אָנער־קענונג און דאַנק. דאָס מאָל זענען פאַרטיילט גע־וואָרן סטיפּענדיעס צווישן שילער פון 7 שולעס, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פון פאָנד. פאַרשטייער פון די שילערס האָבן געענט־פערט און געדאַנקט.

ביי דער געלעגנהייט איז אויך פאַרטיילט גע־וואָרן אַ פּרייז פאַר דערמוטיקן יידישע שריפט־שטעלער פון וואָלין (1000 ל"י) דעם יידישן דיכ־טער ה' לייב אָליצקי.

## חנוכת־חדרים

אין די לעצטע מאָנאַטן זענען אויך פאָרגע־קומען שיינע אָוונטן פון חנוכת־חדרים פון עט־ליכע לאַנדסמאַנשאַפטן אין היכל. אין דער קינסט־לערישער פּראָגראַם האָבן זיך אויך באַטייליקט שילער פון שולעס, וואָס האָבן פאַראייביקט די קהילות, וואָס די צימערן טראָגן זייער נאָמען.

## נאָך אַ לנדסמנשאַפט אין פאַרבאַנד

האָראָשקער לאַנדסמאַנשאַפט מיט ה' אהרן שמיר בראש האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד, זיך בייגעשטייערט פאַרן „היכל יהדות וואָלין" און געפייערט די געשעעניש ביי געדעקטע טישן אין היכל. ה' שמיר האָט באַצייכנט אין זיינע רייד די וויכטיקייט פון אָנשליסן זיך אין איגוד און דאָס פאַראייביקן האָראָשקער פאַרשניטענע קהילה אין היכל. סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, שרייבער פון די שורות, האָט געדאַנקט אין נאָמען פון פאַר־באַנד און זיך אָפּגעשטעלט אויף די אויסזיכטן פון אויסענדיקן די צוויי זאַלן אין היכל, וואָס וואַרטן נאָך אויף זייער תיקון. צום סוף איז פאַר־געקומען אַ קינסטלערישער פּראָגראַם.

## ביכער זאַמלונג פאַר דער ביבליאָטעק

לעצטנס ווערט געפירט אַן אינטענסיווע ביכער־זאַמלונג פאַר דער ביבליאָטעק אין היכל, געבויט פון דער שפּענדונג פון ה' לעאָ און טאַניאַ טשעקווער. מערערע ביכער האָבן געשפּענדעט אַרכיטעקט יונתן שלאָין (ביבליאָטעק פון שיינדל האָפמאַן ז"ל); ה' אליהו מאַנדעל א. אנד. אין ביבליאָטעק וועט אויך געעפנט ווערן אַן אָפּטיי־

לונג פון לייען־און לערן־ביכער פאַר שילער. גלייכצייטיק וועט אויך געעפנט ווערן די שיין מעבלירטע לייען־זאַל א. נ. פון א. גודמאַן.

## אסיפות פון לאַנדסמאַנשאַפטן

לעצטנס זענען פאָרגעקומען 14 אסיפות פון לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַ נייע שפּענדונג פאַרן אויסענדיקן דעם היכל. ס׳זענען שוין דאָ פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. נאָך פאַרזאַמלונגען ווערן צוגעגרייט.

## מיטינג פון ראָוונער לאַנדסמאַנשאַפט

ענדע יוני ד. י. איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון ראָוונער לאַנדסמאַנשאַפט אין אבטיחי־זאַל. ס׳זענען אויפגעטראָטן פרוי חיה לאַדן, ה׳ יעקב זיידל און אַנדערע. אַלע האָבן גערופן פאָרדאָפּלען די שפּענדונגען כדי אויסענדיקן דעם בנין.

## סטאַטוס־קאָמיטעט

דער סטאַטוס־קאָמיטעט (ה״ה ח. הזנוואַלד, י. מרגלית און ח. פינקעל) האָבן צוגעגרייט פאָרשלאָגן פון אַ נייעם סטאַטוס פון פאַרבאַנד, ווייל דער אַלטער סטאַטוס אַנטשפּרעכט ניט מער די ווירקלעכקייט. דער נייער סטאַטוס וועט געבראַכט ווערן צו אַקצעפּטירונג פאַר דער פאַרוואַלטונג, דעם 30־טן יולי 1970.

## פאַראייביקונגס־קאָמיטעט

וואָס באַשטייט פון די ה״ה משה ליפשיץ, צילה פליישער און אליעזר שפּירא, אַרבעט לעצטנס זייער אינטענסיוו איבער די פאַראייביקונגס־אַלבאָמען. והמלאכה מרובה.

## אזכרות

ס׳דערנענטערט זיך די צייט פון אזכרות פון וואָלינער קהילות. אַלע וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן ווערן איינגעלאַדן אָפּהאַלטן זייערע אזכרות אין „היכל יהדות ווהלין״.

## נייער לודמירער קאָמיטעט

לודמירער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל בעט מודיע זיין וועגן זייער ניי־געוויילטן קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון די חברים: שמואל אַמפּער, אריה אָרז (טענענבוים), בוניא בירמאַן, יוסף הייזשפעלד און שמחה זעמל.

**ח. פינקעל**

---

## יערלעכע אזכרה אין ניו־יאָרק

(סוף פון זייט 28)

חזן ברוך מאיר גיטעלמאַן (אַ וואָלינער), מיט זיין מתיקות׳דיקער שטים, זאָגט אב הרחמים, די תפילה נאָך יידישע קדושים אין אַלע צייטן, און וויינט אויס דעם וויי־געשריי, אַז גאָט זאָל זיך שוין דערבאַרימען אויף זיין פאָלק ישראל און זיי געבן שלום ושלווה, זיי זאָלן קאָנען לעבן ווי אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. די תפילה רופט אַרויס טרערן און געוויין.

עס רעדט דער פרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון וואָלינער יידן, ה׳ ניסן פּירער, וועגן דעם פאַרשניטענעם וואָלינער שבט, און רופט אַלעמען העלפן אַרויסענדיקן דעם „היכל וואָלין״, וואָס וועט דינען אַלס אַ „לעבעדיקע מצבה״ נאָך די פאַרשניטענע וואָלינער יידישע קהילות און זיין אַ קולטור צענטער פאַר זייערע שרידים אין גבעתיים, ישראל, לדורות.

דער באַקאַנטער דירעקטאָר פון דער „פאָלקס־דיוויזיע פון באָנדס פאַר ישראל״, ה׳ יחיאל דאבעקירער (אַ ראָוונער) מאָלט אַ בילד פון יידן וואָס יידן שטייען־אויס, בפרט אין די קאָמוניסטישע לענדער, און אפילו אין דעמאָקראַטישע לענדער הערט מען זעלטן אַ גוט וואָרט פאַר יידן, און ער ווייזט אָן, אַז די יידן איבער דער וועלט זיינען די איינציקע פריינט וואָס ישראל האָט און זיי דאַרפן טון אַלץ צו העלפן דער יידישער מדינה אויף אַלע אופנים. אויף זיין רוף איז אַריינגעקומען אַ באַדייטנדיקע סומע פאַרן היכל וואָלין.

הרב דר. אהרון ווערטהיים (פון אוסטראָה) דערציילט וועגן די גייסטיקע אוצרות און געלערנטע, וואָס די יידישע וואָלין האָט פאַרמאָגט — צדיקים, רבנים, סופרים, לומדים, עסקנים און ער זעט פאַראויס, אַז דער היכל וואָלין וועט זיין אַ זאַמל־פּונקט פאַר ווערק און שאַפונגען און אַ קוואַל פאַר פאָרשונג פאַר אַלע וואָס וועלן וועלן וויסן וועגן עבר פון וואָלינער שבט.

ס׳טרעט נאָך אויף דער באַקאַנטער חזן ה׳ יעקב אַפּולייוויטש (אַ ראָוונער). נאָכן זאָגן הארציקע תפילות, זאָגט ער אל מלא רחמים. אַלע שטעלן זיך אויף און זאָגן קדיש בציבור, באַגלייט מיט טרערן און געוויין.

**א. גערשענזאָן**

# חברת ברי בע"מ

## מיכלי־מזון
## אזור - אשקלון

## סוכנים כלליים של תה מלרוז

## (MELROSE)

**טלפון 844940**



**צינקל בע"מ פראדוציזער פון מעטאלענע ראָרן**
**לייכטע און באוועגלעכע צו באוואסערן און באגיסן**

1) באַוואַסערונג ראָרן, אלומיניום, "1½ ביז "14 ביז 18 מ' לענג.
2) בוי־ראַמען פון אלום. פענצטער, טירן, מחיצות, פראַנטן.
3) פראָפילן פו אלום. פאַר פאַבריקאַציע און אַרכיטעקטור.
4) פלאַכע אַלומ.־בלעכן און געקייקלטע, געשרויפטע און שוואַרצע "1½־"2.
5) גאַלוואַניזירטע אייזן־ראָרן, געשרויפטע און שוואַרצע "1½־"2.

טעכנישער אָפיס: תל־אביב, רחוב העליה 33, טעל. 824790, 822048

פאַבריק און אַדמיניסטראַציע: נייער פאַבריק־צענטער אין פתח־תקוה,
טעל. 1־2־3־4־913355.

# צו אלע ווילנער, אומעטום:

**אויב איר האט נאך ניט איבערגעשיקט פרטים וועגן אייערע קדושים און אויך נאטירלעך־פארשטארבענע — טוט עס באלד!**

**זאל קיין איין נאמען ניט פעלן אין די פאראייביקונג אלבאמען פון ווילנער יידנטום!**

די ביבליאָטעק אין „היכל יהדות ווהלין" א. נ. פון פאַמיליע טשעקוווער ווערט אין קורצן געעפנט.

אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן ווערן געבעטן איבערוווייזן עקזעמפּלאַרן פון יזכור ספרים פון זייערע קהילות פאַר דער ביבליאָטעק.

שפענדער פון אַנדערע ביכער ווערן געבעטן אָנמעלדן טעלעפאָניש.

**פאַראייביקונג־קאָמיסיע/קולטור־קאָמיסיע ביי**
**איגוד עולמי של יוצאי ווהלין בישראל**
**תל־אביב, רח' ביאַליק 8, ת. ד. 245**